וואס ווא איז צו איס גיקומן מיט אגרויסן פאר מעגין · אונ וויא
זיינען זיך גיוואורין איינער דעם אנדערין דיא בעסטע פריינט אין
דער וועלט · אונ האבין גילעבט צו זאמען רוהיג אונ גליקליך :
(ובועז) אונ דעה בועז איז גיוועזין איין ירא אלהים כל זמן ער
האט גילעבט · אונ האט נאר גיטאן צדקה אונ חסד מיט יעדערין
מענטשין אונ האט גילאזין אשיינעם נאמען :

---

# הנדח

## אדער דער פארשטוישענר זאהן

איינע שיינע אונד וואנדערליכע געשיכטע וואש
עס האט זיך געטראפען אין ארץ הקדושה
אין דיא צייטען פון הורדוס וואש ער איז געוועזן
איין קעניג אין ירושלים · עס איז זיך ארויס צו
נעמען אגרויסין מוסר פון דיזער געשיכטע אז מען
זאל פון זיך ניט מדחה זיין אקינד (בשתי ידים)
אויך איז דער פון צו לערנן וואש עס איז איינע
טרייע ווייב · וויא זיא האט זיך ניט אפ געשייט
פון איהר מאן בייא אלע זיינע אומגליקין אונ נור
וועגין איר זכות איז ער נצול געווארן פון טויט אונ
אז געווארין אגרויסער צדיק אונ האט מיט איהר
פאר לעבט זיינע יארין זייער גליקליך :

ווילנא
שנת תרט"ז לפ"ק

ГАНИДАХЪ
т. е.
покинутый сынъ.

ВИЛЬНО
въ Типографіи Р. М. Ромма. 1856.

1168310



# מעשה

ויהי בימי הורקנוס השני ממשפחת החשמונאים) אונד עס וואר
אין דיא צייטען פון הורקנוס דעם צווייטען וואס ער איז
געוועזען אזון פון דעם אלכסנדר וואס ווערט אן גערופען אין דער
גמרא מיט דעם נאמען ינאי המלך האבן בעוואוינט צווייא גרוישע
לייט אין (ירושלים) וואש זיינען געוועזען ביידע אין דיא סנהדרין ;
איינעם האט מען גירופען (חלקיהו השמרוני) אונ דעם אנדערין
האט מען גערופען (אחיאב הגלילי) — וויא זיינען געוועזען גרוישע
חכמים אונ גרוישע צדיקים — אויך גרוישע עשירים אונד זיינען
געוועזען צו ווישען זיך גרוישע פריינט וויא דוד המלך מיט יונתן :
אונ כדי צו פארבינדען זייערע פריינדשאפט מיט איין אייביגען
בונד האבען זייא צו ווישען זיך געמאכט א שידוך — וויא האבען
פארקנאסט זייערע קליינע קינדער וואש זיינען נאך געוועזען אין דיא
וויגען : אונד האבען אפ גירעט אז זייא זאלין זייא מאכין
חתונה אין זייער אבצעהנטען יאר — דער חלקיהו האט געהאט
אזון וואס מען האט איהם גערופען (מתתיה) אונ דער אחיאב
האט געהאט א טאכטער וואס מען האט זיא גערופען (וסירה) :
זייא האבען געמאכט דעם תנאים מיט גרויש פאראר וויא עש
איז געוועזען דער מנהג אין יענער צייט • אונ האבין אבער נאר
פארגעסין וואש דער שפריכווארט זאגט אז דער מענטש דיינקט
אונד גאט לייכט — מיר ווייסין נים וואש מיט אונז קען זיין היינט
ובפרט וואס עס קען זיין אין איאר אבציען — עש האט נים לאנג
גידויערט אונ עש איז געווארין גרוישע שנוים אין (ירושלים) דען
(אנטיגנוס) דער זון פון (אריסטובלוס) וואש ער איז געוועזען דער
איינגערער ברודער פון הורקנוס איז אנטלאפען פון דער שטאט
(רוים) וואס ער איז דארטין געוועזען געפאנגען — אונד האט זיך
מתחבר געוועזען מיט (פאקרוס) וואש ער איז געוועזען דער קעניג פון
בבל

Печатать позволяется съ тѣмъ, чтобы по напечатаніи представлено было въ Ценсурный Комитетъ узаконенное число Экземпляровъ.— Вильно, 20 Января 1856 года.

*Ценсоръ, Ст. Сов. и К. А. Мухинъ.*

בבל אונ האבין באלעגערט דיא שטאט ירושלים אונ האבין איר אויך באצוואונגען ; זייא האבין גענומען גיפאנגען דעם הורקנוס אונ האבין איהם אפ גישניטען דיא אויערען כדי ער זאל ווערין איין בעל מום אונ זאל שוין מער ניט ראוי זיין צו זיין איין כהן גדול : (ואנטיגנוס מלך תחתיו) אונ אנטיגנוס איז גיווארין איין קוניג אן שטאט איהם ; אונד אז דער (פאקרוס) האט זיך אומגיקערט קיין בבל האט ער מיט זיך גינומען דעם הורקנוס גיפאנגען מיט אלע זיינע גוטע פריינט וואש דער (חלקיהו) איז אויך גיוועזין איינער פון זייא : (ויתפרדו הרעים האלה איש מעל אחיהו) אונד דיא צוויי גוטע פריינט זיינן גיווארין דורך דעם אפ געשייד איינער פון דעם אנדערין ; דען אחיאב איז גיבליבין זיצין אין ירושלים (בכבודו הראשון) מיט דעם זעלבינגען כבוד וויא פריער אונטער דיא סנהדרין ; אונד (חלקיהו) איז אוועק מיט דעם הורקנוס קיין בבל ער מיט זיין גאנצע הויז גזינד אונ הארטין איז ער גיזעסין צוא זאמען מיט דעם הורקנוס אין געפאנגנשאפט . (עד מות פאקרוס) ביז עש איז גישטארבין דער (פאקרוס) דער קיניג פון בבל אונד זיין זון (פארטוס) וואש ער איז גיווארין איין קיניג נאך איהם האט זייא אלעמען בעפרייט אונ האט דעם הורקנוס גימאכט פאר איין נשיא איבער אלע יהודים וואס זיינן גיוועזען אין בבל אונ אין פרס אונ דעם (חלקיהו) האט ער גימאכט פאר איין שר אונ פאר איין יועץ בייא דעם הורקנוס אונד אלע יהודים וואס האבין גיוואונט אין בבל אונ אין פרס אונ אויך דיא וואס האבין גיוואונט אין מצרים . אונד נאך אין פיל אנדערע לענדער האבין אפ געגעבין גרויש כבוד דעם הורקנוס : (ויבואו להשתחות לו וגם חלו את פניו במנחה) זייא זיינן גיקומען זיך צו בוקען פאר איהם אונ צו ברייגען איהם געשיינקען דען זייא האבין איהם נאר גיהאלטען פאר דעם ווארין קיניג

קיניג



קיניג פון יהודה אונד פאר דעם גרעשטין שוהם דען ער איז גיוועזין פון דיא חשמונאים : (וכגלגו היה גם למשנהו חלקיהו כבוד ויקר) אונד צו גליך איהם האט (חלקיהו) אויך איין גענומען גרויש כבוד אונ האט צו זאמען געבליבען איין זייערין פערמעגען אונד האט געדינט זייער שווער זיינעם העררין הורקנוס אונ דאר זייער געאכט אין דיא אויגין פון אלע יהודים אונ עש וואר דעם הורקנוס אין בבל זייער גוט אונ עש האט גאר ניט גיפעלט מער נאר וויא דיא קרון : אונ אז דיא יהודים האבין גיוואלט איהם געבין אנגרוישן חיל אז מען זאל אים צוריק ארויף זעצען אויף דער מלוכה האט ער עש ניט געוואלט ווייל ער האט הם געהאט אויף זיין פאלק אונ דאס געשוינט זייער בלוט וואש עם וואלט דורך דעם גערארפט פערגאסין ווערין ער איז זיך געבליבין זיצין רוהיג אין בבל איינע יאר : אונד האט זיך אום קיין זאך נעקימערט דען דער (חלקיהו) איז גיוועזין זיין סאקרעטער אונד ער פלעגט שוין אלין צו טאן בייא איהם וואש עש איז נאר גיוועזען נייטיג : אונד הורקנוס פלעגט צוא הערין זיין עצה אונ פלעגט ניט צו טאן אנדערש וויא ער האט אים גיראטען : אונד בייא אלע דיזעס איז דער (חלקיהו) געבליבען דער זעלביגער פריינד דעם אחיאב ער פלעגט אים צו שרייבן בריף : אונד אזו דער אחיאב איהם : אונד אזו האט עש גדויערט ביז עש איז אויף גישטאנן הורדוס דער זון פון (אנטיפאטער) וואש ער איז גיוועזען פריער אמיניסטער בייא דעם הורקנוס אונד האט איצונד ארא פגעריסען פון טראן דעם אנטיגנוס אונד איז גיווארין איין קיניג אין ירושלים (ויהי בשמוע הורקנוס את הדבר הזה) אונד עש וואר וויא דער הורקנוס האט דער הערט דיא זאך האט זיך אין איהם אויף געוועקט איין רצון צו קומען קיין ירושלים : דען ער האט בייא זיך גערעכנט איצונד וויא עש איז גיווארין הורדוס איין קיניג דר

זון

זון פון מיין בעסטן פריינט אונד וואש ער האלט אויך מיין איינציקיל פאר אוהיב ווערט ער מיר בורא מקבל זיין מיט גרויש כבוד אונד איך וויל זיצן רוהיג אין נאכש הויז (כי כלתה נפשי לראות את ה' ואת נוהו) דען איך פאר לאנג צו זעהן דעם כבוד פון גאט אונד זיין וואוננג · אומזיסט האט איהם דער פון אם גשלאגן זיין זיצן חלקיהו · אומזיסט האט ער אים פאר גישטעלט אז הורדוס איז איין פאלשער מענטש אונד דאס ער ווערט דארטן ניט זיכער זיין מיט זיין לעבין · ניין האט גזאגט הורקנוס איך מוז פארן קיין ירושלים אונד וועל דארטן צוא ברינגן מיינע יארין אין נאכט הויז · דען ער איז געווען באמת איין גרוישר צדיק אונד איין ירא אלהים אונד האט גאר געוואלט לעבין אונ שטארבין בארץ הקדושה · אונד האט אויך ניט געהערט די גבעט פון אלע יהודים וואש זיא האבין אים גיבעטין אז ער זאל זיך אפ שטעלן דא ביי זייא אין בבל · אונד איז אוועק קיין ירושלים איינער אליין דען חלקיהו האט זיך אהין ניט גיוואלט אוועקן ווייל ער האט דעם הורדוס זייער גוט געקענט אז ער איז זייער א פאלשער מענטש · אונ דאהער איז ער געבליבין אין בבל אונ האט זיך דארטן גילעבט זייער רוהיג אונ גליקלאך · אונ אין א קורצע צייט האט ער דער העהרט אז הורקנוס איז גיפאלין דורך דעם שווערד פון הורדוס אונ אויך דיא גאנצע משפחה פון די חשמונאים : (ויתאבל עליו כל הימים) אונ ער טרויערט איבער אים כל זמן ער האט גילעבט · אונד זיין פריינד אחיאב (עודנו יושב בירושלים) איז נאך אלץ געוועזן אין ירושלים אין דיא סנהדרין אונ וואר נאך אלץ איין טרייער פריינט מיט אים ווייא געוועזן · אונ דיא קינדער וואש זיינען געוועזן צו ווישן זיך חתן אונ כלה פלעגען זיך צו שיקן איינער דעם אנדערן קליינע מתנות אונ עס האט אזוי געדויערט

ער



(ער כי החל הורדוס לשלוח יד גם בהסנהדרין) ביז דער הורדוס האט אן גיהייבין אויך אום צו ברענגען דיא סנהדרין ווייל ער האט געמיינט אז זייא ווענן ראנגירן נאך דיא געזעצע פון דער תורה אונ דאס האט ער גאר ניט געוואלט · ער האט אויס גיהאר'געט אלע סנהדרין אונ עס איז פון זייא ניט געבליבין מער ניט ווייא שמאי אונ מנחם אונ דער אחיאב ווייל דיא דרייא זיינען געווען פון דיא גרעסטע אונד זיינען זייער חשוב געוועזן אין דיא אויגען פון דיא יהודים אונ האבין איין גישטעלט גוטע סכסוכים וואש עס איז געווארין אין ירושלים אנטקעגין אים ·אבער דאך פון דעסטער צייט אן האט זיך שוין דער אחיאב ניט געטרויט צו וואוינען אין ירושלים ער האט שוין גוט פארשטאנען אז פריער אדער שפעטער וועט ער אויך פאלין אין דעם שווערד פון הורדוס : אונ דאהער האט ער גענומען זיין טאכטער וואש מען האט איר גערופין (ומירב) אונ זיין קלענערין ברודער (אבינדוד) אונ איז אוועק פון ירושלים אונ האט זיך באזעצט אויף זיינע גיטער וואש ער האט גיהאט ביי דעם געגענט פון (סוריא) לעבן דעם גרוישען וואלד לבנון : דארטן האט ער זיך גילעבט זייער רוהיג אונ האט זיך שוין מער ניט געמישט אין מדינה זאכין : ער האט זיך נאר באשעפטיגט מיט זיינע ווירטשאפט אונ מיט דער ערציהונג פון זיינער טאכטער : (ואת יותר עתותיו) אונ דיא איבעריגע צייטען האט ער צוא גיבראכט אין לערנען אונ אין גיבעטן דען ער איז געווען איין גרוישער צדיק אונד אזוא איז אויך געווען זיין פרויא זייער פרום איינע אשת חיל אונ איין גוט מענטש מען האט איר גערופין (צפירה) (ולא התרועע עם כל אדם) אונ דער אחיאב האט ניט גימאכט קיין געזעלשאפט מיט קיין מענטשן נאר מיט זיין ברודער כדי הורדוס זאל ניט האבין אים אין וואש חושד צו זיין

אונ

אונ דאש האט זייער גיפרייט דעם חלקיהו דען ער האט עש דעם
אחיאב שון לאנג דיא עצה גיגעבן אז ער זאל זיך דא באזעצן :
אונ זיצענדיק דא איז זייער פריינדשאפט גיווארן גרעשער דען
עש איז זיא געווארן זייער פיל גרינגער צו שרייבן בריף איינער
צו דעם אנדערן : אויך איז דער אורט וואו ער האט זיך באזעצט
פיל נעהענטער צו בבל ווי אין ירושלים אונ אז דיא קינדער
זיינן גיווארן אלט אכטצעהן יאר האבין זיא אן געהייבן צו
שרייבן איינער צו דעם אנדערן וועגן דער התונה אונ זיא
האבין שון אפ גישטעלט אין געווישן טאג ווען זיא זאלין צו
זאמען פארין : צום אומגליק אבער איז געווארן אנרווישער
דבר ר"ל אין דיא דרייא לענדער דאס איז אין ארץ ישראל אונ
אין סוריא אונ אין בבל : עש זיינן אויש געשטארבין זייער פיל
מענטשין אונ חלקיהו איז גישטארבין אין בבל אונ אויך דא בייא
דעם אחיאב איז גישטארבען זיין ווייב צפורה : (ותאבלן
המשפחות השתים) אונ דיא ביידע פאמיליען האבין אן גיטאן
טרויער קליידער אונ יעדער האט באווייגט זיין גישטארבענן
בייא זיך אים הויזע אונד אגאנץ יאר האט מען שון נים
גערעדט פון דער התונה : דער אחיאב וואש ער האט זיין ווייב
ליב גיהאט ווי זיין לעבין האט ער איר מקבר גיוועזן אין זיין
גארטין וואס דארטין זיינן גיוועזן מקובר זיינע עלטערן : דען אין
די פאר צייטיגע יאהרין האט זיך גיהאט יעדער משפחה איר
בית עולם יעדערע אין איר ערבשאפט : אונ אז איינער פון דר
משפחה איז גישטארבן אפילו אין אווייטע לאנד האבין איהם
זיינע יורשים געבראכט אל קברי אבותיו : ווי מיר געפינען אין
דער תורה בייא יעקב אבינו ע"ה אונ נאך אין גאנץ תנ"ך : דעם
אחיאב וואר זייער לייד אום זיין ווייב אונד האט אויש גבויאט
אויך איר קבר איין שיינע געבעט הויז פון מארמאר שטיינער

דאש



דאש הויז וואר זייער הויך אונ אין גיוועלב איז גיוועזן אפענסטער :
דער גארטין איז גיוועזן לעבין דעם גרוישן וואלד אונ דורך אים
איז גלאפן אקוואל וואשר וואס האט גיקוואלין פון די שנייא פון
לבנון : אין דיזער הויז פלעגט דער אחיאב אונ אויך זיין טאכטער
צו קומען אלע טאג צו מתפלל זיין אונ צו וויינן : אלע מאל
פלעגט דיא זמירה אהין קומען אזו ווי א מנחה צייט אונ פלעגט
דארטין אויש גיסן איר הארץ אויף דער מוטערש קבר דען זיא
איז איר גוועזן זייער ליב בחייה אונ אויך במותה : (ויהי היום
וזמירה עומדת ומתפללת) אונ עש וואר איין היישער טאג אונ
די זמירה שטייט אזו אין דער גיבעט שטוב אונ בעט מיט איין
געריסענעם הארץ : די זון האט שון גיהאלטן בייא דעם אונטער
גיין אונ איינגעווייניג איז שון גיוועזן רעכט טונקיל האט זיא
דער הערט עפעס אשאסק הינטער זיך האט זיא זיך באלד
אומגיקערט אים צו זעהן ווער קאן דארטן זיין (ותרא) האט זיא
דער זעהן אז עש שטייט בייא דער טיר איין הויכליכער מענטש
אן גיטאן אין א מאנטיל פון גראבע געוואנט מיט א שווארצע אונ
אלאנגע בארד די קאפ וואר פאר וואקסין מיט לאנגע שווארצע
האר : ער האט אויש גזעהן ווי איינר פון די נזירים וואש זיינן
גוועזן אין יענר צייט זייער פילי די נזירים זייען אזעלכע מענטשן
וואש זייען אפ גשייד פון אלע תאוות עולם הזה זייא טארין נים
טרינקען קיין ווין אונ טארין זיך נים מטמא זיין צו מתים אונ
אויך נים גאלין די האר פון קאפ אונ פאר בריינגן זייער לעבין
גאר אין פרומקייט : (ולכן כראותה אותו) אונ דאהער ווייא זיא
האט איהם נאר דער זעהן האט זיא אים שוין גיהאלטן פאר
איין נזיר אונ האט אים גפרעגט ווייא קומט ער אהער אין א בית
הקברות וואש אנזירש פוס טאר קיין מאל אהין נים קומען : אונ
צווישינש צוא וועסן דארף ער דא אין אזו אשפעטן ארט :



ווען

(ויען האיש ויאמר) אונ דיזער מענטש האט געענטפערט אונ גזאג
עש איז אמת איך בין טאקע אגויר אבר איצונד האלט עש מי
אונז זייער שלעכט הורדוס איז אונז זייער רודף מיר האבן זי
ניט איבער איהם וואו אהין צוא טאן דען ער האלט אונז פא
שעדליכע מענטשן אין לאנד אונ וויל אונז עוקר מן השורש זיין
דאהער זיינן פיל פון אונז אנטלאפין גווארן אונ לעבין וויא די
ווילדע חיות אין די פעלדער אונ אין די וועלדער ׃ אונ דאהע
מיין טייערע בתולה האב רהמנות איבר איין אונגליקליכין ווי
איך בין אונ מיינע חברים אונ בעשיינק אונז וואש נאר מגלען
איז דען עש איז שוין דרייא טעג אז מיר האבין ניט גיגעסין
(ויהי האיש ההוא להתמים בעיניה) אונ דיזער מאן וואר צו
ערבארעמען אין איהרע אויגן אונ האט איס גזאגט מיין טייערע
גזיר איך האב בייא זיך קיין געלט נאר דיזן רינג קען איך איין
שיינקען ער איז ווערט צוואנציג (הזכמונים) דאש איז אמ
גילדינע מטבע וויא בייא אונז איין רוקאטין ׃ איך בעט איין
נעמט צו פון מיר אונ פאר קויפט איהם אבר מיין פאטר דארן
דער פון ניט ווישין דען ער וויל עש גאר ניט ליידין א
באהאלטינע מענטשין זאלן זיך ווייזין אין דיינע גימער דיזע
מענטשע האט דעם רינג צוא גינומען ער האט איר גידאנקט או
אויך גבענצט מיט אגוטע מערבה אונ איז זיך אוועק גיגאנגן
אונ דיא זמירה האט זיך אומגיקערט אין שטוב זייער טרויערי
אונ נערגרט דען זיא האט גהאט גרויש מיט ליידונג מיט דיזען
גזיר ׃ אבער דעם פאטער האט זיא דער פון ניט אויסגערט דעו
ציילט ׃ אונ האט זיך שוין ניט געוואגט מער צוא גיין אליין אי
די הויז וואש עש שטייט אויף די טויערש קבר נאר מיט דעם
פאטר צו זאמען פלעגט זיא אלע טאג פון מארגן דארטן מתפלל
זיין זייער פרום מיט גרוישע בכיות ׃ (וכן עברה השנה) אונ אז





איז איבר גלאפן דער טרויער יאר ׃ אונ מען האט אן גהייבן
איבר נייע צו שרייבן איינער צו דעם אנדערן וועגן דער חתונה
אונ מען האט שוין באשטימט די צייט ווען דער חתן זאל קומן
צו דעם אחיאב ׃ די זמירה האט שוין אויש גטאן איהרע טרויער
קליידר אונ האט זיך זייער גיך צו גיקליבין צו דער חתונה דער
פאטר האט איין גלאדין אלע זיינע שכנים אז זיי זאלן צו אים
קומן אויף דעם בעשטימטען טאג ׃ אונ האט זיך זייער גיפרייט
אז דער בורא האט אים מזכה גוועזן צו פירין זיין טאכטר צו דר
חופה ׃ דעם נעלבינן טאג אין וועלכין זייא האבין זיך גריכט אז
עס זאל אן קומן דער חתן ׃ איז גזעסין דער אחיאב מיט זיינעם
ברודר אונ מיט נאך איינגע גוטע פריינט בייא דעם טיש וואש
ער איז גוועזן גדעקט מיט דעם בעסטין וויין אונ מיט טייערע
קאנפעקטורין ׃ זייא האבן זיך זייער לוסטיג אונטר האלטין אונ
גישפראכין פון פערשיידינע זאכן ביז עש איז דערבעט פינשטער
גווארן ׃ (ויהי עודם מדברים) אונ עש וואר וויא זיי זיצין דא
אונ ריידין איז אן גקומען אויף דעם הויף איין אבאז פון פינף
קעמלען אלע זיינען גוועזן גוט בעלאדין מיט גרוישע פעק אונ
קאסטינס אונ אויף איינעם איז גזעסין איונגער מענטש זייער
אשיינר מיט שווארצע האר אונ שווארצע אויגן וויא קארשין ׃
זייער רייך ניקליידט ׃ אונ וויא אחיאב האט נאר דער הערט די
טריט פון די קעמלען האט ער באלד אויף גמאכט די פענסטער
אום צו זעהן ווער איז גיקומן ׃ אבר וויא האט ער זיך דאש דר
פריים אז ער האט דער זעהן די קעמלן אונ דיזן יונגן מענטשין
ער האט באלד פארשטאנן אז ער איז דער חתן ער איז צו אים
ארויש גגאנגן אנטקעגן מיט זיין ברודר ער האט אים דער קאנט
נאך זיין פנים נאך אז ער איז דער זון פון זיין טייערן פריינד
חלקיהו אונ אז ער איז דער חתן (בתתיה) ער איז ארויף גפאלין

אויף דעם האלז אונ האט אים געקושט ווייא איין היישער פאטער קושט זיין קינד ׃ דער מתתיה איז אים זייער געפעלן אונ האט גושא חן גווען אויך אין די אויגן פון זיין פאטער זמירה וויא האט גיזאגט דאש וויא האט זיך שוין זיין געשמאלט מאקע אזו פאר געשטעלט פון לאנגע יארין אונ אזו איז דיא איהם אויך געפעלן גיוואריין ׃ (וויעש אחיאב משתה גדול בלילה ההוא) אין דער אחיאב האט גמאכט אגרוישין סאלציים אין דיזער נאכט ׃ מען האט אראפ גנומען די פעק פון די קעסטלען אונ מען האט זיי ארויין גטראגן אין שטוב אונ ערשט מארגין האט מען זייא פאנאנדער גיבינדין אונ אלע האבין זיך זייער פאר וואונדערט צו זעהן די גרוישע עשירות וואש עש איז גווען איין גמאכט גילדענע כלים אונ זילבערנע אונ אויך טייערע קליידער אונ מער וויא איין מיליאן דהכמונים בארעם געלט לבד דרייא רינגען אונ מתנות וואש ער האט גבראכט פאר דער כלה ׃ דען ער האט מיט זיך גבראכט די גאנצע ירושה וואש עש איז גבליבן פון זיין פאטער לבד די גיטער וואס ער האט דארטין פאר דונגן אויף דרייא יאר (וישמח אחיאב ואחיו אביגדור) אונ ער האט זיך גיפרייט דער ליבער אחיאב מיט זיינעם ברודער זייער אונ זייער אונ האבין גדאנקט דעם בשעפר וואש ער האט וויא גיפירט אין דער רעכטער וועג ׃ אונ מתתיהו איז מיט זייא געזעסין צוויא טעג אונ האט זיך גוט גמאכט בעקאנט מיט דר זמירה אונ דער נאך אויף דעם דריטן טאג האבן זייא התונה גהאט אבער אלץ אן גרוים לארעם אונ נאר אן פאראר דען דער אחיאב איז גווען פון דער נאטור זייער איין רוהיגער מענטש אונ האט גידאנקט דעם בשעפר אז דיא וועלט האט פון איהם ניט וואש צו ריידין ׃ אונ עש וואר נאך דער חופה אז (זמירה) האט זיך איין גקוקט אויף דעם טבעת קדושין האט זיא זיך זייער פאר וואונדערט דען וויא האט



זאט איהם דער קאנט אז דאש איז איר איינגנר פינגעריל וועלבין זיא האט איהם אוועק גשיינקט דעם נזיר ׃ אונ האט תכף נפרעגט דעם חתן וואו האט ער דעם רינג באקומען (ויען החתן ויאמר) אונ דער חתן האט גיענטפערט דעם רינג האב איך בקומען פון אנזיר ער איז גקומען צוא מיר בעטן נדבה האב איך אים גשיינקט טויזנר טאלער דען ער איז גוועזן דער ראש פון אלע נזירים אונ זיי לעבן גטבעת איצונד במצור ובמצוק וויא הנרדום איז זייא אלמען רודף אונ דיא ווייסט דאך וויא די ביינען גווען טייער ביא מיין פאטער ער האט דיא נדבה פון מיר צוא גנומען אונ האט מיר זייער גדאנקט אונ האט מיר גבעטין אז איך זאל פון אים אן נעמען פאר אקליינע גשאנק דיזען רינג צו איין אייביגן אנדיינקונג ׃ ער האט מיר גהייסין אז איך זאל מיט דיזעם רינג מקדש זיין מיין כלה אונ האט מיך אויך גבענטשט מיט אגוטע מערכה אונ איז זיך אוועק גגאנגען זיין וועג אונ איצונד האב איך דיר מאקע מיט דיזין רינג מקדש גווען (והשמח זמירה לדברים האלה) אונ זמירה האט זיך גפרייט העלינדיג דאש אונ האט גזאגט איצונד ווייש איך אויך קלאר אז אונזער זונ איז פון דעם אויבערשטין אונ מיר וועלין בוודאי גליקליך זיין כל זמן מיר וועלן לעבין (ויחוגו את שבעת ימי המשתה) אונ זיי פייערטן די זיבן טעג פון דער חתונה זייער פריילין אונ פריילין ׃ אונ דיא פאר פאלק האבין זיך באקוקין זייער ליב ׃ אז איינער האט פאר לעבט אמינות אליין אן דעם אנדערן איז דאש ביא זיי גיווען גרעכינט פאר איין זינד ׃ די עטליבע געסט וואש זיינען גווען איינגעלאדן אויף דער חתונה זיינען זיך פאנאנדער גפארן ׃ אונ מתתיה מיט זיין ווייב זמירה זיינען געבליבן וואנען אין דעם גוט פון אחיאב איר פאטער ביז איבער צו זאמען אונ האבן געלעבט זייער רוהיג אונ ליבליך ׃ אלע

בית׳ אווענד

אהוענד פלעגט זיך צו זאמען קלייבן דיא גאנצע פאמיליע ביי
דעם אחיאב אין צימער אונ פלעגן פר ברייננגן איין פאר שטונדי
אין געזעלשאפט יעדער פון זיי פלעגט צו זיין דאמאלס פריילין
אונ לעבעדיג נאר אונזר מתתיה איז אימער געוועזן ביי דעם
געזעלשאפט זייער רוהיג אונ שטיל מען קאן זאגן זא גאר אומעטיג
ער איז געוועזן אפילו זייער קלוג אונ אגרוישער געלערנטער אונ
וואש ער פלעגט צו ריידן איז גנוג צו דרזיקן אבער ער פלעגט
צוא ריידן זייער זעלטין אונ האט אימר אוים געזען עפעס זוגא
פאר טרויערט דער שווער האט גימיינט אז דאש איז גאר ווייל
ער דיינקט אימער פון זיין פאטר וואש ער האט אים ליב געהאט
אזו וויא זיין לעבן אונ פלעגט אים דריבר זייער פיל טרייסטן ·
די זמירה פלעגט זעהן צו פערשאפין אים אלע פערגעניגן וויא
האט נהיישן אז עש זאלן שטיין לעבן מיר אלע טאג גיזאמילטע
פעהד פאר אים צוא רייטין שפאצירין · אונ פלעגט צוא בעטן
איהרעם פעטער (אביגדור) אז ער זאל מיט איהם פארין אין
לבנון אויף געגנט אבער אלע דיזע מיטלען האבין גאנץ ווייניג
געהאלפן פון טאג צו טאג פלעגט ווערן אונזר מתתיה אומעטיגר
אונ קיינר האט ניט גיוואוסט דיא סיבה דער פון · אפטער אז
ער פלעגט צו זיין אליין אין זיין צימער פלעגט מען אים געפינען
אז ער ליגט אויף דער ערד אונ גיסט טייבן וויים טרערין ·
אפט פלעגט ער צו פאסטין כמה טעג אין איין וואך · אונ דיא
זמירה האט מיט געוויינט דען ער איז איר געוועזן זייער ליב · אונ
וואס ער פלעגט ווערען אומעטיקער פלעגט ער איר ווערען טייערר
אונ ליבליבער · שטונדן לאנג פלעגט זיא לעבן אים צוא זיצין
אונ פר ברייננגן אונ פלעגט זיך במיהען מיט אלע מיגליכקייטן צו
מאכן אים פרייליך אויף איין קליינע ווייליע · אונ פלעגט זיך
שאצען גליקליך אז ער פלעגט איהר ווייזן איינע פריילליכע

מינע



מינע · (ויהי היום) אונ עש וואר איין גיווישען טאג איז זיא צו
אים גיקומען זייער פריילין אין זיין צימר אונ האט אים אן
גיזאגט אז זיא פילט זיך מעוברת · זיא האט גימיינט אז ער
ווערט זיך דעריבער זייער גער פרייען · ער אבער האט איב
געענטפערט מיט איין ברווישן זיפץ גאט זאל געבין עש זאל זיין
מיט מזל · אונ דאש האט איר זייער גיקריינקט · דען אלע אין
הויז וואר דעריבער זייער ערפרייט · אונ נאר ער אליין איז בייא
דיזער בשורה גיבליבין גלייכגילטיג צו דער ליבע אבר האט עש
ניט גישאדעט · ווייא זיא האבין זיך געליבט ביז אהער אזוא
האבין זיא זיך גיליבט אויך ווייטר נאר דיא פריידע איז פון
זייער הויז אוועק גיפלויגן ווייא איין פאריאנטע פייגיל · אבער
דאך האט זיך דאש אביסיל גיענדערט אז זיא האט אים איין
זון געבוירען · ביי דעם ברית מילה איז ער גיוועזן דעמס פרייליך
אונ אויך דער נאך פלעגט ער מיט דעם קינד זייער פריילעכע
שטונדין צו פאר ברייננגען · אונ דאן פלעגט זיך דיא (זמירה)
גיפינען זייער גליקליך אונ אויך איר פאטער · זיא האבין שוין
גיגלויבט אז מיט דער צייט ווערט זיך דאש פיל בעשערין · אונ
עש איז טאקי אזו גיווען ער פלעגט צו זיין אפטער פרייליך · אבר
דאפיר פלעגט צו זיין טעג וואש ער פלעגט צו זיין אזו טרויעריג
אז ער פלעגט נאר בלייבן ליגן אויף זיין בעטיל וויא איין אבן
דומם אדער וויא איין טויטער · (ויאמר אחיאב בלבו) אונד
אחיאב האט ביי זיך גידיינקט אז דאש איז נאר אזוא
אקראנקהייט וואס מען רופט עש (מעלאנכאליע) אדער מרה
שחורה ר"ל אונ דאהער האט ער אפ געאבט צו זיך זייער פיל
דאקטוירים · זיא האבין דעם מתתיה בעטכט אבער קיינר האט
זיין קראנקהייט ניט פארשטאנען אונ דער צו נאך האט מתתיה
נאר ניט גיוואלט זיך לאזין פון זיא קורירין · אונ דאהער זיינן

די

דיא דאקטורים . פנאג הער נעפארין נאר אן אשום תעולה דער
אונ דר מתתיה איז גיבליבין ביא זיינעם טאנגעל · אמאג פלענונאך
ער זיין פריילך אונ דאש אויך נים אגאנצין · אונ פיל טעהערט
פלעגט ער זיין זייער טרויעריג : אונ אזו האט ער פאר לעבנ
מיט זיין געליבטע פרויא זמירה אפאר יאר · אונ וואס אמא זיינן
טער האט זיך זייער ליבע פארמערט : (ויהי היום בחורף) אז
עש וואר איין גרווישער טאג אום ווינטער פון אווענד אין
גיזעשין זמירה מיט איר טאן ביא איהרעם פאטער אין צימער
אונ מיט זייא איז אויך גיזעשין אחיאבש ברודר אביגדור זייער
אין פריילכער טענטש אונ האבין זייער ברידליך פארבראכט
אפאר שטונד · אין ציטר איז גיוועזן ווארעם ליבטיג אונ ציכטיג ·
אונד אויף דערווישען איז גיוועזן אגרוישער שטורעם אונ איין
שרעקליכער רעגין · דען אין זייגע לענדער באשטיהט דער
ווינטער נאר אין גרוישע וויעטען אונ אין רעגענם · אונ אויף
דיא פעלדער אונ אין דיא גערטנער וואקסט אלער האנט תבואה
אונ פרוכט וויא ביא אונז אום זומער · אונ אז עש איז גיווארין
נעכט נאכט האט אן גיהויבין אויך צו דונערין אונ צו בליצין ·
פון וואלד האט זיך גיהערט דער שרעקליכער ברומען פון דיא
לייבין אונ דער וואויען פון דיא וועלף · דען דער וואלד לבנון
איז איינר פון דיא גרעשטע וועלדער וואש געפינט זיך אויף דר
וועלט אונ אין אים איז דא אלער האנד חיות רעות אויף זיינע
בערג ליגט איין אייביגער שנייא · אונ דער ים הגדול קען שוין
ניט מער לארימען וויא ער לארימט אין אשטורעם · דען זיינע
כוימר זיינען הויך פינף ביז זעקס הונדערט איילין · אונ קאם
צוואנציג מענטשן קענען ארום נעמן איינעם פון זייא אך! וויא
גליקליך זיינן מיר זאגט אביגדור אזו מיר זיינן ערשט אין דעה
היים אין דער ווארעם וויא איז דאש געגען דעם דיזיגן דר
דער



וואש איז אונטער ווערגנם (עוד הדברים בפיו) ער האט
אבר די ווערטער נים אויש גירעט מיט אמאל האבן זיי דר
אלארים אויף דעם · הויף זייא האבין אויף גימאכט דיא
פענצטער אונ האבין דער וועהן צו זייער גרוישין שרעקן אז עש
ארויף גירישין אויף דעם הויף אפאר הונדערט מאן יודישע
רייטער מיט בלויזע שווערד אונ האבין פאר חאכט אלע טירין
אונ הערם מויער אונ זייער אפיצער איז אגרוישר העלד אונ אן
גיטאן אין גאלה אונ אין זילבער איז ער ארויף אויף דיא טרעפ
גליך צוא דעם אחיאב אין שטוב (ויורד אחיאב לקראתו) אונ
דער אחיאב האט זיך בהילט צוא זיין אים אנטקעגין אונפהאט
אים נפרענט זייער צו שראקן צו ווערטען פון זיי ברויכט ער דא
איך ברויך נאר צוא אייך האט אים אפ גיענטפערט דר אפיציר
זייער ביין אונ נראב דען ביא דיר אין הויז געפינט זיך אזו
אמענטש (אשר תיב את ראשו למשפט) ראש הישם אזעלכער
וואש עס קומט אים אז מען זאל אים זיין קאפ אראפ נעמן ער
אין ארויבער אונ איצט איז ער ביא דיר איך איידים (וכדברו
את אלה) אונ ביידינגדיג די ווערטער וואט ער אים דער לאנגט
דעם יאנקאז פון הורדעסין וואש ער איז דענמאלט גיוועזן דער
קיניג פון יהודה · קיינע מענטשליכע פעדער איז נים אין
שטאנדע צו בעשרייבן דעם שרעקן פון דעם אחיאב וואש ער
האט זיך גישראקין אז ער האט איבער גלייענט דעם פאפיר פון
דעם קיניג דען פון דעם פאפיר איז גיוועזן דיא משמעות אז
הורדום איז אים חושד אז זיין שטוב איז גיווארין איין (מערה
פריצים) ראש הישם איין זאמלונג פלאץ פון רויבער אונ
טערהער ער האט אויף זיך צוא ריסין די קליידר אונ האט פון
זיך גיפליקט דיא האר פון קאפ דיא טאכטער איז ניפאלין אין
חלשות · דער ברודר אביגדור האט פארבראכט די הענט עש
איז

איז גיווארין אין דער גאנצע שטאט איין גרויסע קלאג אונ איי
גוויין אבר מתתיה וואר גראד דר בייא זייער רוהיג · ער האט
נאך אמאל אפילו קיין זיפץ גיטאן נאר אן פאר דרום האט ער
אויסגעצויגן זיינע פים אונ זיינע הענט אונ האט זיך גילאזן
שמירין אין קייטען · ער האט ניט גירעט איין ווארט · ער האט
מער ניט גבעטין אז מען זאל אים לאזין אפ בינטערין די ווייל
אונ אקוס טאן דעם קינד · אונ דאס האט אים דער אפיציר
ערלויבט איך בין אויך איין מאן פון אפרויא וואש איך ליב אין
אונ אפאטער פון קינדער האט גיזאגט דער אפיציר דאס זיינן
היילגע געפילע אבר דער משפט מוז גמשפט ווערין וויא דער
דרעכט איז עש האט ניט לאנג גדויערט אונ דער מתתיה וואר
נישטים וויא איין ווילדער לייב אונ מען האט אים ארויף גזעצט
אויף איין קעמיל אונ מען האט אים אהעק גפירט קיין ירושלים ·
אונ דארטין האט מען אים אריין גיזעצט אין גיפיינקנים הויז
זייער פעקרעטנע · נגן וועלין מיר אים אויף אקליין ווייל דא
לאזין אונ מיר וועלין דער ציילן וויא עש האט זיך צו גטראגן דא
אין הויז פון אחאב:

קיין אומגליק אונ קיין סכנה אין דער וועלט ר״ל איז ניט אין
שטאנד צו מאכין אזו פיל פרייער אונ אזו איין אומעט וויא
דא האט אן גמאכט די גפאנגן שאפט פון דעם מתתיה זיבן טעג
האט זיך איין גשלאסין דער אחאב אין זיין צימער אונ האט זיך
ניט גיוואלט צו ווייזין פאר קיין מענטשין אין דער וועלט דאש
גלייכין איז דיא טאכטר גלעגן אין איר צימער קראנק גאר אין
נדאנקן אונ האט ניט גיוואוסט אויב זיא לעבט אדער זיא איז
גשטארבן · אביגדור וואר דער איינציגר אין הויז וואס ער האט
נאך גיהאט אביסיל טועה אום צוא גיין אונ אכטונג צו געבין
אויף די זמירה אונ אויף זיין ברודער · קאם גאר די טאכטער

בעסר



בעסר האט זיא זיך גיוואונצין דעם טויט הען די שאנדע וואר
זייער גרוים צו האבין ארויבר פאר אמאן וויא האט ניט גקענט
קוקין דעם פאטער גלייך אין דיא אויגין אונ דאס גלייכין דער
פאטער איר אויך ניט די זייטען גווארן צום שפאט אונ צו שפאט
בייא אלע שכנים אונ דאהער פלעגט זיא זיצין אונ ווייטן וויא
טאג אונ נאכט אונ פלעגט אימער קלאגין · אונ דאך האט זיך
איר ליבע צוא אים ניט פאר קלענערט אונ פלעגט צו שרייען
מיט קולות מיין מתתיהו מיין מתתיהו ! אונ דאש האט נאך דעם
פאטער מערער גקרייגקט · ניין פלעגט ער צו איר זאגין ניין
מיין טאכטר דער מאן שוין זיין נאמן ניט מער גקוויש האט ער
וואס אויסרעכט גנומען וועגער וויים וואש ער האט זיך פארזינדיגט
דער קעניג זאגט ער איז ארויבר עש איז גוויש אזו איך בעט
דיר מיין טאכטר שוין דיין לעבין אונ מיין לעבין אונ פאר נעם
זיך אן אים גאט צוא דאנקן אז כען האט מיך אויך ניט גיזוכן ·
לאז אונז שוין רוהיג שטארבן דא אין אונזר שטאט גליקליך איז
דיין טוטר אז זיא האט די צרות ניט גזעהן ניין מיין טייערע
פאטר האט אים ניגענטפרט זמירה איך וועל מיין מאן ניט פאר
געסין כל זמן איך וועל לעבין ער איז מיר גגעבן גווארן פון גאט
אונ נאר גאט אליין קען אים פון מיר צו נעמן אבר ניט אמענטש
מיין מאן איז ריין וויא איין אייגל · איך האב פון אים אין דיא
צווייא יאר קיין שלעכטש ניט גזעהן ער פלעגט צו בעטין זייער
פרום אונ דער נאמן פון גאט איז גוועק שטענדיג בייא אים אין
מויל ער איז אגרויסר בעל צדקה אונ האט אין זיך מדות טובות
וואש האט גאר קיין שיעור ניט · איך האב אים קיין מאל ניט
גזעהן אין כעס ער פלעגט זיך ניט צו שאפן מיט אקנעכט אדר
מיט אדינשט בייא אזעלכע זאכן וואש ער האט עש גקאנט אליין
טאן ער פלעגט ניט וועלן לייכן אז מען האט זיך אויף איין דינר

גבייזערט

גיפייערט ובפרט אז בען פלעגט מיט אים טאן אשהער ארבעט בין מיין שייערער פאטר אזו איין מענטש מיט אזעלכע איידילע געפילען קען ניט זיין ארויבער אונ דאהער האב איך דעכט אים צו ליבן אונ וועל אים ליבן אין מיינעם גאנצן לעבין איך וועל פארין קיין ירושלים אונ וועל מיך ווארפן צו די פיס פון דעם הורדוס אונ וועל בעטין מיט גרויש געוויין אז ער זאל אים בעפרייען איך וועל אים מיין קינד פארזיין קארישטע לייגן איך וועל ניט שפארין קיין טרערין ער איז אויך איין פאטר פון קינדר אונ איין מאן פון אנליבטע ווייב · ער איז אמענטש אונ זין הארץ וועט מענטשליך פילין אונ ער וועט מיט מיר געווים האבן ערבארמן אונ וועט מיר מיין מתתיהו בעפרייען אונ דא בין איך איינע פון די גליקליכשטע ווייבר אין דער וועלט (וויען אחיאב ויאמר) אונ דער אחיאב האט געאנטפערט זיין טאכטר אונ האט איר געזאגט הער נאר מיר צו מיין איינציגע קינד הער אויף איך בין עלטר פאר דיר אונ פאר שטייא די וועלט בעסיר וויא דו דער קיניג וועט ניט שרייבן אפיסטע זאך עס מוז דא עפעס זיין דען האצבע ער איז איין זון פון אגרוישן צדיק אבר ניט אלע ווין זיינן גליך צו זייערע עלטערן · אונזערע חכמים זאגן (הרבה נערות עושה הרבה ילדות עושה) איז דער מייץ צו זייער פיל נארישקייט קען דעם מענטשין ברייגען זיין יוגינט אונ זיין קינדהייט אונ איצט הייבט מיר אן אויך דעכט צו ווערין זיינע אומעטיקייט אונ זיין ווייגן ער האט גמוזט טאן אגרוישע זינד · אונ דאהער מיינע ליבע טאכטר פאלג מיר אונ פאר געס זיך אן אים אונ מאך זיך שוין ניט מיאוס אים צו בעטין פון זיינט וועגן דו וועסט מער ניט מאכן צו שאנדע מיך אונ דיך ער וועט זיצין געפאנגן אפאר מאנאטין אונ דער נאך וועט מען אים גרויש דיא קאפ ארונטער נעמען אונ דיך וועט מען רופן דיא פרויא פון





אמערדער · אונ דער שפריכט ווארט זאגט פון דיא זאך וואש דו ווילשט ניט האבן אז אנדרע זאלין רייידין זאלשטו דער פון אליין ניט רייידין אונ דאהער בלייב צו הויז אונ באהיטן דיין אומגליק אין שטילען · זמירה האט אבר גאר ניט געוואלט הערין די רייד פון איר פאטר · אונ האט געזאגט איך בין איינמאל דיין ווייב איך מוז נעמען איין טייל פון זיינע לייידין וויא איך וואלט בעטען פון זיינע פרייידן עס איז מיר ליבר מיט אים צו שטארבן וויא איידר אליין צו לעבין · פארען דיינע איך קיין ירושלים אונ וועל פרובען מיינע טרערין אונ מיין געבעט אויש צו גיסן פאר דיא פיס פון דעם הורדוס אונ זיא האט מאקי אזו געטאן · אויף מארגין האט זיא געהיישען אז מען זאל איר זאטלען אקעמיל פון דיא קעבלען איהרעם מאנס מיט וועלכע ער איז צו איר געקומען אונ איז מיט איין קנעכט אונ מיט צוויי דינסטין אוועק גרייזט קיין ירושלים דער ווידער דעם ווילין פון איהרעם פאטר מיט דאש קינד ביא דער ברושט אונ אז זיא איז אהין גיקומען איז זיא דארטין פארפארין צו איין גרויישין מאן וואש ער איז אפריינט פון איר פאטער אונ האט אים דער ציילט איר גאנצעס אומגליק · דיזער מאן וואש ער איז געוועזן זייער קלוג אונ גוט האט איר געזאגט : עש לאזט זיך מיר ניט גלייבען אז חלקיהום זון זאל זיין אפראסטער רויבער · עש מוז דא וואש זיין עפעס איין אנדערע זאך · אונ דער וויל זאלשטו ביא מיר זיצין איינינע טעג ביז וואנען איך וועל דער פון עפעס קענען דער צייין : (ותשב זמירה אתו ימים עשרה) אונ דיא זמירה איז ביא אים געוועזין אטאג צעהן ביז וואנען דער ווירט האט איר געבראכט אקלארע ידיעה אז איר מאן האט אויף זיך גאר קיין אנדרע שולד מער ניט דאש ער איז געוועזן איין יאר איין הויפטמאן ביא איינער באנדע רויבער אונ דאש האט זיך ביא בייידין

דעם ווירט אונ זמירה גאר ניט גיוואלט גלויבן . אונ דער בייא
איז בייא זייא גיבליבן אז זמירה זאל אפ היטען וויא הורדוס
וועט דא גיין אין בית המקדש מיט גרויש פאראר ווייל עש וועט
דא זיין באלד זיין געבורשטאג אונ אין יענעם טאג איז ער
גיוואונט צו טאן זייער פיל חסד אונ זאל אים בעטן ווייניגשטינש
אז מען זאל איר צו לאזין צוא איר מאן אז זיא זאל פון אים
אליין גיוואר ווערין די שולד פאר וואש ער זיצט . אונ די זמירה
האט נעבעך אזו גטאן וויא דער ווירט האט איר גגעבן די עצה
(ויהי ביום הולדת הורדוס) אונ עש וואר אין דעם געבורשטאג
פון הורדוס האט זיך דיא זמירה זייער רייך אן גקליידט : אונ
האט אויך זייער שיין אויש גצירט דאש קינד אונ האט זיך מיט
דעם קינד אויף דער האנט גשטעלט אויף דער גאס וואו הורדוס
האט גיראפט גיין אין בית המקדש . פון ביידע זייטען
זיינן גישטאנן יודישע רייטער אונ רעמישע באקליידעט אין
גאלד אונ זילבער . דיא גאס אליין איז גיווען אויש גיבעט מיט
גילדענע שטאף . זיידינע טיכער ווייסע, אונ בלאעה האבין
גפלאטערט הורך די פענצטער אונ בייא דעם טויער פון בית
המקדש איז גישטאנען דער כהן גדול חנני אין גיטאן אין בגדי
קודש מיט אגרוישע מתנה כהנים אונ לוים אונ פון בית המקדש
האט זיך גהערט אגרוישע מוזיקא פון כמה אלפים אינסטרומענטן
דאש איז (כלי שיר) דען די לוים וואש עש איז גיווען איצונד
זייער משמר האבין איצונד גיזונגן דעם שיר של יום אונ הורדוס
אליין איז גיגאנגן צו פוס אן גיטאן וויא עש פאסט איין קיניג מיט
איינע גילדענע קרוין אויף דעם קאפ אונ מיט אים זיינן גגאנגן
זייער פיל גרויסע לייט פון יהודים אונ פון רומים אלע געקליידט
אין גאלד אונ זילבר . אונזר זמירה האט זיך נעבעך גשטעלט
ניט ווייט פון (הר הבית) מיט דאש קינד אויף דר האנד אונ האט

גיווארט



גיווארט ביז הורדוס וועט זיין פאר בייא איר : אונ ווא זיא האט
אים שוין גיזעהן גים חיים פון זיך האט זיא זיך אנדרע גישטעלט
אויף דיא קניא אונ האט איר שלייער דאש אין דעם (וואלאן)
וואש איז גיהאנגען איבער איר גיזיכט פארווארפין אהינטער
אויף איר פנים איז גילעגין א וואלקען פון טרויער : אבער דאך
האט זיא אויש גיזעהן זייער שיין אונ האט גרושא חן גיווען אין
דיא אויגן פון אלעמן : (ויהי כראותה הורדוס) אונ עש וואר
וויא הורדוס האט איר דער זעהן אז זיא שטייט אויף די קניא
האט ער איר גיפרעגט וואש איז איר גיבעט אונ איר פארלאנג
האט זיא אים גיענטפערט (אבל אשה קשת רוח אנכי) איך בין
איינע אומגליקליכע אונ טרויעריגע ווייב : מיין מאן מיין
געליבטער וואש גאט האט אים פאר מיר בעשטימט אז איך בין
גאנ נאך גילעגין אין מיין ווינקעלע . מיין מתתיה דער זון פון חלקיהו
השמרוני איז צייט פון אוראך פיר אוועק גיריסין גיווארין פון
מיינע ארעמס דורך דיין בעפעל : מען האט אים גישמידט פאר
מיר אין דיא אויגין אונ מען האט אים אוועק גיפירט קיין
ירושלים ער זיצט איין גישלאסין אין גיפיינקנעם וויא איין רויבער
וויא איין מערדער . אונ מיין מאן איז ריין וויא איין איינגיל פון
גאט : (וכדברה נפלה לרגליו ותתן קולה בבכי) אונ וויא זיא
האט דאש אזו גירעט איז זיא גיפאלין אים צו דיא פים אונ האט
שרעקליך גיוויינט : (ותהי לרחמים בעיני הורדוס) אונ הורדוס
האט זיך איבער איר זייער דער בארעמט אונ האט מיט איר
גירעט זייער ווייכע רייד אונ האט גיענטפערט דיזע ווערטער :
ניין מיין ליבע קינד . דוא האשט אמעות איך האב קיין מאל
ניט גיהייסין אז מען זאל נעמן גיפאנגען (מתתיה) דעם זון פון
חלקיהו השמרוני . זאג מיר אקארשט וועמעש טאכטר בישטו
אונ (זמירה) האט אים גיענטפערט אונ גיזאגט איך בין דיא

טאכטר

טאכטער פון דעם אחיאב הגלילוני ער איז אמאל געזעסען צ
ווישען די סנהדרין · און איצונד וואוינט ער אין דיינע געמיט
ביי דעם לבנון · איך בין נאר איין איינציגעס קינד ביי אי
זעהן אזוא מיין קינד, האט איהר גענומען הורדוס „קען אי
דיר שוין גאנץ ווינציג העלפען · דו בישט געבאך אבעטראגענע
זייען מאן איז ניט (מתתיה) דער זון פון חלקיהו דו בעטשט
גאר פאר איין בעטריגער וואש ער האט דיך ווייטער מיאוס
בעטראגען · ער איז איין הויפט מאן פון איינער רויבער באנדע
און יעצט מיין קינד שוינע די עהרע פון דיין פאטער און
ציה אהיים אין פרידען · וויא איין קעלט איז די (זמירה)
אריבער גילאפען איבער איהר לייב העריגדיג דיזע ווערטער פו
קיניג · אבער דאך האבען זיא ניט אויש גילאשען אין איהרע
הארצין דעם פלאם פון ליבע צו איהר מאן · „ער מאג שוין זיין
ווער ער איז" האט זיא אפ געענטפערט הורדוסען ווער איז שוין
איינמאל מיין מאן · איך בעט פאר איהם ער איז ריין וויא גאטעס
איינגעל · און ווען אנדערש וואר איהם ראש ער איז אהויבע
בעט איך אום ווייניגשטענס אז דיין חסד זאל אזוא גרויש זיי
מיר צו ערלויבען איך מיט איהם צו זעהן · איך וויל פון זיין מוי
זעלבסט הערין · און דאן מיין טייערער קיניג וועל איך מיט
גערולד ערטראגין דיזען אונגליק · און מיין הארץ ווערט וויסע
אז עס איז קיין אומרעכט איהם און מיר געשעהן" „א! דאס
האסטו גלייך ביי מיר גיפועלט" האט איהר געענטפערט הורדוס
„דאס שטייט דיר פרייא" : (וויצו הורדוס על מריסו) און הורדוס
האט געהייסען זיין בארינגטען אז ער זאל איהר אוועק פירן צו
דעם געפיינגנעניס וואו עס זיצט איהר מאן און מען זאל איהר ארין
לאזין צו איהם איצט און אלע צייט ווען זיא נאר ווינשט · און
זיא קען מיט איהם שפרעכען וויא פיל זיא וויל · און אזו איז אויך
גישעהן



נישעהען מיט דער קינד אויף די הענט · און אין די שענסטע
קליידער איז זיא צו איהם אריין גיגאנגען אין געפיינגניש · צוא
נאסין און ווייגען און מיט צו בראכענעם הארצין איז זיא איהם
ארויף גיפאלין אויף דעם האלז וואש איז גיווען אן גיטאן
אין אשווערע קייט · און האט אויף איהם שרעקליך גיקלאגט און
גיוויינט און האט צו איהם גיזאגט : „הער צו מיין טייערער און
ליבער מאן איך האב היינט פון דיינט וועגן געטאן וואש עס
איז נאר גיווען מעגליך · איך האב מיט דעם הורדוס זעלבסט
גישפראכען · איך בין גיפאלן צו זיינע פיס און האב פון דיינט
וועגין ביי איהם גיבעטן · ער אבער האט מיר גיזאגט אז דוא
בישט נאר ניט מתתיהו דער זון פון חלקיהו · ער זאגט דוא
בישט נאר איין הויבט מאן פון רויבער און דוא האשט מיך
בעטראגין · אבער דאך בין איך גיבליבען ביי מיינע פריערינע
ליבע און טרייא צו דיר · איך האב ביי איהם גיפועלט אז מען
זאל מיך צו לאזין צו דיר און איך זאל מיט דיר זעלבסט שפרעכין ·
און דאהער בעט איך דיך מיין טייערער און אויך איינציג
גיליבטער מאן דער צייל מיר די ווארהייט · עס מעג שוין זיין
וויא עס וויל · אבער וויסן דארף איך עס דאך דען טאמער קען
איך נאך עפעס טאן פון דיינט וועגין און ווען אויך חלילה ניט
וועל איך ווייניגסטינס זיצן דא מיט דיר און וועל דיר לייכטער
מאכען דיין געפיינגנעש · דען דער קיניג איז מיר ווייער גוט ער
וועט עס מיר ערלויבען · (ויען אישה ויאמר) און איהר מאן האט
איהר געענטפערט מיט אגרוישען זיפץ און האט גיזאגט · גינוג מיין
ווייב דיך צו בעמיהען וועגין מיך · לאז מיך שטארבען דורך דעם
שווערד אדער דורך דער תליה · דער קיניג האט דיר וואר
גיזאגט איך בין איין הויבט מאן פון איין רויבער באנדע · איך
בין איין גרוישער זינדיגער · איך האב דיך בעטראגין · איך בין
ניסל ניט

ניט ווערט אז דוא וואלשט מיך נאר אן קוקן · איך האב די[ך]
נעביך אום גליקליך גימאכט · ערבארעם דיך איבער דיינע יונג[ע]
יארן גוג איבער דיין אלטן פאטער · אונ פארגעס אן מיר · ני[ט]
זאגט אבער ומירה · איך קען דיר שון ניט פארגעסן מיין ווי[ב]
איז גיבונדן אן דיין וייל אונ דיין אום גליק בלייבט מיין אום גלי[ק]
ציים איך וועל לעבן · נאר דער צייל מיר ווער דוא בישט או[נ]
וואש מיט דיר איז · דען דוא בישט דאך אזוי פרום אונ אזו
גוט · אזוי איין ריינע וייל קען קיין הויבער זיין (ויהי כראות
כי עזה במות אהבתה אליו) אונ עש וואר ווא ער האט גיזע[הן]
אז דיא ליבשאפט פון איר איז צו אים אזוי שטארק וויא דע[ר]
טויט האט ער איר גיבעטן אז זיא זאל זיך לעבן אים זעצין
אונ אז זיא האט זיך גיזעצט האט ער אן גיהויבן צו דער צייל
זיין גישיכטע פאר איר פון אן הייב ביז צום אויש לאז · איך בי[ן]
זאגט ער מאקע ניט בתתיהו אונ אויך ניט דער זן פון הלקיהו
מיך רופט מען בועז הקמתי מיין פאטער האט מען גירופן יוסט[ו]
הקמתי אונ אז ער איז גיוועזן אלט צוואנציג יאר האט ער חתונה
גיהאט מיט מיין מוטער וואש מען האט איר גירופן דבורה די[א]
טאכטער פון זכריה הנקדמוני · מיין פאטער איז גיוועזן פון צ...
הויז זייער ארעם אבער מיין מוטער איז גיוועזן זייער רייך · אי[ן]
פאטער האט איר גיגעבן צו דער התונה הונדערט טויזנט
דרכמונים · אונ דער נאך אז איר פאטער איז גישטארבן איז זיא
גיוועזן דיא גאנצע ירושה פון מיליאנען · זיא האט גינומען מיי[ן]
פאטער נאר ווייל ער איז גיוועזן אגרוישער מיוחס אונ איז גיוועז[ן]
זייער שיין אונ אויך אגרוישער תלמיד חכם · אונ אז איך בי[ן]
גיבארין גיווארן איז גיוועזן ביא זייא בייען גרוים פרייד · מע[ן]
האט מיך דער צויגן וויא איין קינד פון איין פירשט · מען האט
מיר גילערינט זייער פיל שפראך · רעמעשי פערזישע אראביש

זירים



זירים · איטער פון דיא גרעשטע לומדים איז גיוועזן מיין רבי ·
מען האט מיך מדריך גיוועזן אין גאטש וועג מיט גרוים השגחה
דען מיין פאטער איז גיוועזן מכת הפרושים דאש הייסט ער
האט גיהאלטן פון דיא דעות אונ פון דיא ספרים וואש עש האבן
גישריבן דיא הייליגע תנאים אין יענער צייט · אונ אז איך בין
אלט גיוועזן צוועלף יאר האב איך שון גיהאט אשם אין שטאט
פר איין גוט קינד · אונ אויף מיין פערצענטין יאר · האט מיך
מיין פאטער גילאזט לערנען אויף דיא שטרייטע דאש איז דיא
חכמה פון מלחמות · איך האב מיר אויש גילערינט גוט פעכטין
אונ רייטין · אונ בין שון גיוועזן איין גישריבן אונטער דעם צאל
פון דיא פרשים דאש הייסט רייטער וואש זיינען גיוועזן דיא
גוואררדע פון הורדוס · דער קיניג אליין האט מיר גיקאנט אונ
איך וואר ביא אים זייער חשוב אונ אויך ביא אלע גרויסע לייט
וואש האבן מיר נאר גיקאנט · קורץ דער פון איך בין זייער
גליקליך גיוועזן אונ האב גימיינט אז עש וועט מיר אזו זיין כל זמן
איך וועל לעבן · אבער איינע שרעקליכע שטונד האט מיך
אום גליקליך גימאכט אין בידע וועלטין · בעולם הזה ובעולם
הבא · דען אין דעם זיבענצעהנטין יאר פון מיין לעבן איז דיא
מוטער מיינע פלוצלונג קראנק גיווארין אונ אין איין שטונד
אוועק גישטארבן · מיין פאטער וואר דער פון זייער בעטריבט ·
אונ איך וואר זייער טרויעריג אונ מיינע אויגן האבן מיר ניט
גיטריקנט אגאנצין יאר · מיינע פריינד האבן שוין פון יענער
צייט אן אויף גיהערט · אונ מיינע זארגן האבן זיך גימערט פון
טאג צו טאג · דען אין אמאנהיים ארום האט מיין פאטער
גינומען אוייב דיא יונגע אלמנה פון דעם כהן [illegible] זיא איז
גיוועזן אגרוישע שיינהייט אונ אויך איינע פריינדן פון מיין מוטער ·
אונ זיא איז גיוועזן דיא איינציגע פרויא וואש זיא איז גיוועזן

ביא

בייא איר שטארבן · אונ מיין פאטער האט גיזאגט אז ער האנעבקן
איר גינומען נאר וויל מיין מוטער האט אים דאש גיבעטין פאיין
איר טויט · באלד נאך איר חתונה האט זיא מיך אן גיהייבן צו
האסען · אונ דער נאך אז זיא האט גיהאט אמאכטער
אהרשים זיבן איז זיא מיר גיווארין אבלוט פיינט · דיא
גיהאט אויף זיך אנאך רייד אז זיא איז גיוועזן פאר ליבט מיט
מיין פאטער נאך · אז מיין מוטער האט גילעבט · אונ דאש דיא
אליין זאל דיא סבה גיוועזן פון אירן טויט אונ דריבער איז דאך
מיין מוטער גישטארבן אזוי פלוצלונג אונ אויך דריבער האט
זיא גיהאט דיא טאכטער אין זיבעצעהן מאנהיים נאך דער פאר
התונה · אזוי אבימעהער חשד איז שוין גינוג אז איך זאל איר
שוין ניט קענען מער ליידין אונ דאש גלייבין זיא מיך · אבער
מיין פאטער וואר זייער איין לענטער מענטש אונ האט איר מיט
דאש קינד זייער גיליבט אונ וואש זיא האט אים גיזאגט איז דאש
ביי אים גיוועזן בקודש · אין אצייט פון איאר האט מיך שוין
דער פאטער אויך ניט גיקענט ליידין · אונ האט מיך אן גיהייבן
פון זיך מרחיק צו זיין · עש האט ניט לאנג גידויערט אונ איך
האב מיר אין שטוב גיפונען וויא איין פרעמדער · דער פאטער
פלעגט מיט מיר זייער ווייניג צו ריידן אונ אז ער פלעגט ריידין
פלעגט זיין אלץ מיט כעס · דען מיין שטיף מוטער האט פר אים
אויך אן גיהעצט אז איך בין נוטה צו דער כתה פון די צדוקים
דאש זיינען אזעלכע מענטשין וואש גלויבן ניט אין דברי חכמים
אונ לייקענען אן משיח אונ תחית המתים · אונ דורך דיזן אויש
רייד האט ער מיר זייער שטארק רודף גיוועזן · אין איין גיבעטינר
אין הויז פלעגט איך מוזן שטיין אין פיר הויז אונ צו זעהען פון
ווייטין, וויא מיין פאטער פרייט זיך מיט זיין נאייע ווייב וואש
זיא האט צו שאפן איבער דעם איינענם וואש עש איז גיבליבן

נעביך



פון מיין מייערע מוטער · דיא האט זיך גיקליידט וויא
נרעפין · אונ האט גיטראגין צירונג וויא איינע פירשטין ·
זיא האט איר משפחה רייך אונ גליקליך גימאכט · אונ אויף מיר
אונ אויף מיין מוטערש משפחה האט מען נאר ניט גיקוקט ·
האנסים דער צייט האט מיר אן גיהייבן צו פעלן אשוך אקלייד ·
מיין בלוט פלעגט מיך צו קאכט ווען זעהנדית דיזן אום רעכט ·
איך האב מיר איינגע מאל גיווארפן צו דעם פאטערס פים אונ
פר אים אויש גיגאסין מיין ביטער הארץ · איך האב אים
דער מאנט אין מיין גישטארבענע מוטער אונ אן דעם גרויזן
מעגין וואש עש איז ביי אים פון איר גיבליבן · איך
האב אים גיבעטן אז ער זאל מיר דאך ניט אזוי פון זיך פאר
שטויסן · אבער אלע מיינע ווערטער זיינען גיוועזן אום זיסט ·
ניין האט ער צו מיר גיזאגט דוא וועשט ביי מיר קיין דער
בארעמונג גיפינען דוא בישט איין צדוקי אונ דיין מוטער וואר
ניט בעסער פאר דיר · איך וועל דיר מעביר נחלה זיין דען דוא
בישט איין בן סורר ומורה · (ויהי כשמעי מפיו דברים כאלה)
אונ עש וואר וויא איך האב פון אים גיהערט אזעלכע רייד
האב איך צו מיר זעלבער גיזאגט (אין לך חלק ונחלה בבית
אביך) גיין דוא האשט שוין ניט מער ביי דיין פאטער אין הויז
וואש צו מאכין · גינוג שוין דיר מער צו דולדען אונ צו
צו זעהען אזו פיל קריינקונגען · אונ דאהער איז ביי מיר
גיבליבן אז איך זאל אוועק פון מיין פאטערש הויז אונ וועל מיר
זוכין מיין שטיקל ברויט וויא איין ווילדער פויגל אין פעלד ·
אונ האב מאקע אזוי גיטאן · אין מיינעם אכטצעהנטן יאר האב
איך פאר לאזן מיין פאטערש הויז אונ האב זיך גיגעבין אקער
צו דאש לאנד גליל דען דארטין האב איך נאך גיהאט זייער
רייכע קרובים פון מיין מוטערש צד · מיין משפחה וואש איך

האב

האב פון מיינעם פאטער אונ מיט מיין מעדרישע שטיף מוטער
האב איך עש אוועק גיגעבין צו גאט אין דיא הענט · אליין
האב איך זיך ניט גיוואלט אן איר נוקם זיין חאטשע מיינע יונגע
פריינד האבין מיר דער צו זייער פיל אן גירעט · ניין האב איך
גיזאגט עש איז דא ארימער וואש ווייש בעסער צו ריכטן אלס
איך · אונ אזוי בין איך גיקומען קיין גליל · אין דער שטאט
גיסקאלע וואש עש האבן דארטין גיוואוינט מיינע קרובים אבער
צום אום גליק איז דארטין גראד מיינע קרובים גיוועזן זייער
אום רואיג · דען דער גרוישער רויבער אתרונגס האט דארטין
מיט זיין באנדע רויבער וואש זיינען גיוועזן כמה אלפים זייער
פיל שאדין גיטאן · ער האט דארטין מחריב גיוועזן זייער פיל
שטעט אונ דערפער אונ האט אויך כמה מאל גישלאגין דיא חיל
פון הורדוס · אונ דאהער האב איך גיפונן מיינע קרובים זייער פר
ארעמט אונ פאר יאגט אונ איך האב מיר נאר ניט גיהאט
צו וועמען צו קערין אונ צו וואנדרין אין דיזער שטאט גיסקאלע
וואש איז דיא גרעשטע שטאט פון גליל · צווייא נעכט
האב איך דארטין גינעכטיגט אין גאס · דען איך האב ניט
גיהאט איין בקאנטין וואש ער זאל מיך ארין נעמען צו זיך
אין שטוב · (ויהי ביום השלישי) אונ עש וואר אויף דעם דריטן
טאג האב איך זיך בגעגינט מיט מיינעם אויגנין פריינד פרץ
העזתי · מיר האבין אמאל ביידע גילערינט אין איין שול ·
דיזער יונגער מאן איז אמיוחס אונ אגרוישער מלומד מלחמה אונ
איז אויך פון רייכע עלטערין גיוועזן · אונ עש וואר וויא ער
האט מיר דער זעהען איז ער מיר ארויף גיפאלין אויף דעם
האלז · ער האט מיר גיקושט אונ האט זיך מיט מיר זייער
גיפרייט · ער איז מיט מיר ארין גיגאנגען אין איין וויין שיינק
אונ האט גיהייסין דער לאנגען דעם בעשטן וויין אונ אויך גוטע
שפייזן



שפייזן · זיצענדיג ביא דעם טיש האב איך אים גיטוהט דער
ציילן מיין גאנצין אום גליק ער האט מיט מיר גיהאט גרויש
מיט לייד אונ האט מיר גיזאגט אז ער האט פאר מיר אגוטין
גישעפט וואש איך קען דער ביא זיין גליקליך וויא ער ·
(ומטוב לבנו ביין) · אונ אז מיר זיינען גיווארן רעכט פריילך
פון דיא וויין האט ער מיר דער ציילט אז ער דינט אונטער די
באנדע פון דעם רויבער אתרונגס · אונ איז ביא אים איין שר
איבער הונדערט מאן · אונ דאש ער איז זייער רייך · אונ גליקליך
אונ דאש זעלבע ווינצט ער מיר אויך · קאלט איז מיר גיווארן
הערינדיג דיא רייד וואש רעדשטו · האב איך צו אים גיזאגט ·
בישטו משוגע אונ חסר דעה · וויא הייסט עש וויא בישט
ארויבער גיווארן אונ ווילשט אז איך זאל עש אויך ווערן ·
שווייג וויא קומשטו דער צו · שווייג אקארשט · האט מיר
גיענטפערט דיזער פרץ (כדברה האיש נבל אל עבדך דוד תדבר
גם אתה) דוא רעדסט צו מיר פונקט וויא עש האט אמאל
גירעט נבל צוא דיא קנעכט פון דוד המלך בשעת ער איז
אנטלאפין גיווארין פון שאול המלך אונ ער האט זיך צו זאמען
גיקליבין עטליכע הונדערט מאן אונ דיא קנעכט פון דוד זיינען
גיקומען צו דעם נבל הכרמלי אין דעם טאג ווען ער האט
גישארין זיינע שעפסין אונ האבין אים גיגריסט אין דעם נאמען
פון דוד אונ האבן ביא אים גיבעטין אין זיין נאמען אז ער זאל
עפעס פאר דודין אויך שיקן האט ער זייא גיענטפערט (ביום
רבו העבדים המתפרצים לפני ארוניהם) דאש הייסט היינט איז
דא אפולע פושעים אין לאנד וואש שטעלין זיך אנטקעגין זייער
הערין · ער האט דער מיט גימיינט אז דוד איז ניט בעסער פר
אלע מורדים · אונ איך אבער וועל דיר ענטפערין וויא עש האט
גיזאגט אביגיל צו דודין וויא האט גיזאגט · (ואדוני נלחם
מלחמות

מלחמות ה) דאש הייסט אז דוד שטרייט אזעלכע מלחמות אונ איז גוטע וויזם מלך · אונ דאש זעלבינע שטרייטעט אויך זיין הער אתרונגס ער איז קיינגוויבער · דען הורדוס האט ממית גיווען אונזער ווארען קיניג אונ כהן גדול דאש איז הורקנוס אויך זיין גאנצע פאמיליע חשמונאים · אויך דיא סנהדרין זיין הער שטרייטעט פאר נאט אונ פאר אונזער הארען קיניג אונ פאר אונזער תורה · דורך אזעלכע ווערטער אונ דורך אייניגע גלעזער ווין האב איך מיך גילאזט איין רידען ובפרט דיא זיין שמאנד איז גיווען זייער שלעכט אונ בין צו גישטאנען צו דער באנדרע מיט דער גרעסטע פרייד · אויך מארגין האט ער מיר פאר גישטעלט פאר זיין הויפט מאן אונ ער האט מיר זייער שיין אן גינומען אונ האט מיך גימאכט פאר איין שר איבער הונדערט מאן דען איך האב גוט פאר שטאנען דיא חכמה פון מלחמה · אונ אין אמאנ צעהען ארום האבין מיר זיך גישלאגין · איך האב גישטריטין וויא איין לייב אונ האב צו זייא אויש גילאזין מיין ביטערע תארץ · איך האב זייא מיט מיינע הונדערט מאן זייער שטארק גישלאגין · אונ דיא זיינען פאר אונז גילאפין וויא מעקענע פאר איין שטורעם ווינד · אונ דורך דעם בין איך בייא מיינעם הויפט מאן זייער מייער גיווארין · ער האט מיך צו שאנקען מיט טויזנד דרכמונים · אונ וואו נאר אונזער מחנה איז גיקומען האבין מיר גיהאט פון אלעם גוטין אונ אין אצייט פון איאר בין איך גיווארין זייער רייך אבער דאך ניט גליקליך · דען איך האב אויך גוט פאר שטאנען אז אונזערע אונ אייניקייט איז נאר איין אום גליק פאר אונזער פאטער לאנד · אונ מיין הויפט מאן מיינט נאר זיין טובה · אונ איך נייא ניט דעם רעכטין וועג · מיר האבין אן גימאכט איין הונגער אין לאנד · שטעט אונ דערפער זיינען





גיוועזן אונזערע שטאלקארצין וואש האבין אונז גימאכט ליבעתיג דיא נאכט · גיוונג מיר האבין אן גימאכט גינוג עלענד אונ אום גליק אין דאש לאנד גליל · דיא סנהדרין האבין אונז מחרים גיווען אונ האבין אונזער דם מתיר גימאכט · א! בעסער וואלט איך גיפאלנט מיינע יונגע פריינד אונ איך וואלט זיך נאך אין אין דער היים אן איין נפש · איך זיין דאש מיינע מערדערישע שטיף מוטער · וואש דיא האט פאר מאכט מיין טייערע מוטער אונ דער נאך אויך מיין פאטער וויא איך וועל דיר דא באלד דער ציילין · אונ איך וואלט ארין גיפאלן באלד אין דיא הענט פון דיא שופטים איידער איך בין צו גישטאנען צו דיזער באנדרע וואש האבין פאר נאסין אום שולדיגע בלוט אונ האבין עובר גיוועזן אויף אלע עבירות פון דער תורה · דיא האבין זיך גימאכט רייך נאר דורך רויב אונ דורך אום רעכט · אבער וואש האט שוין מיר דערנסט מאל גיקענט העלפין מיין פאר שטיין דער שפריך ווארט זאגט דער טעות איז אויף איין ווילע אונ דיא חרטה אבער איז אויף איין מעלה · איך האב נאר מיך גיקליבן פון זייא צו אוועק פליען איך האב מיר שוין ניט גיקענט פון זייא אפ ציען צו ריק · אפאר יאר האבין מיר זיך ארום גישפאצייערט אין דער מדינה · אמאל האבין מיר זיך גישלאגין אונ אמאל פלעגין מיר איבער צו פאלין איבער דיא קאראוואנעס דאש זיינען אבאזין פון קעמלען וואש גייען · באלאדין מיט אלער האנט טייערע סחורות · מיר האבין זיך אזוי ארום גידרייט ביז עש האט גיגליקט דיא היל פון הורדוס מיך מיט מיינע הונדערט מאן אב צו שניידין פון דער גאנצער באנדע · אונ איך האב זיך גיזוכט מיט מיינע לייט ראטירין אין דיא העלדער פון לבנון · אונ דארטין זיינען מיר שוין גיווארין אמת רויבער · מיר פלעגין לויערין אויף אלע רייזענדע אונ פלעגין בייא זייא

אוועק צו נעמען אלץ וואש זייא האבין ביא זיך נאר גיהאט
זייערע זאכין פלעגין מיר צו פאר קויפין צו איינינע קויף לײ
וואש זיינען מיט אונז גיוועזן יד אחת · אונ דיא מענטש
פלעגין מיר צו פאר קויפין צו שקלאפין הענדלער וואש פלעג
צו אונז קומען איין מאל אין חודש · מיינע לייט פלעגין מ
פאלגין אונ האבן מיך אויך זייער גיליבט אונ האבן אין מיר ני
גיזעהן וואש איין האר איז ווערט · (ולמען דעת את היער א
מבואיו ותוצאותיו) אונ כדי איך זאל וויסין דעם וואלד מי
אלע זיינע שטעגעלך אונ וועגעלך · דאמיט מיר זאלין וויסין זי
צו ראטירין אין גויט פאל · פלעג איך זיך אפטער צו פא
שטעלין אין דיא קליידער פון איין גוי אונ קיינער וואט מי
ניט דער קאנט · איך פלעג מיר ארויין צו גיין אין דיא הייזע
פון גרויסע שרים · איך פלעג אויש זעהען וואו עש שטיי
זייערע אוצרות · אונ זייא פלעגין מיר זייער פריינטליך
אנטפאנגען אונ פלעגין מיר געבין אויך שיינע נדבות · אונ
אזוי גייענדיג אמאל אין דיזע קליידער פאר ביא דיין נארטי
האב איך דיר דער זעהען ארויין גייענדיג אין דיין טומטערט
גיבעט הויז · דוא בישט מיר דענקטמאל זייער גיפעלין גיוואר
אונ איך בין ארייין גיגאנגען צו דיר דארטין אין הויז אונ האב
פון דיר בקומען דענקשט מאל דעם רינג פאר איין גישאנק ·
איך בין דענקשט מאל אוועק גיגאנגען אבער מיין הארץ איז
גיבליבן ביא דיר · ניין האב איך דענקשט מאל צו זיך גיזאגט
דער רינג איז דיר ניט גינוג. דוא מוזט נאך איר זעלבסט דאצו
האבין · אייניגע חדשים האב איך אלץ גיטראכט וויא איך
זאל דיר באקומען · ביז עש איז ביא מיר גיבליבן דאש איך
זאל דיר נעמען גיפאנגען · אבער צום גליק האט זיך מיר אזוי
גימאכט אז אן שטאט דעם וואש איך זאל דיר נעמען פאר
אוייב



אוייב מיט גוואלד זאלשטו ארויין פאלין אין מיינע הענט מיט
גוטין · דען איין מאל האט מיר אן גיזאגט איינער פון מיינע
פיקעטין אז עש גייט פון זורישער דיא איין קליינע קאראוואנע
איין ערך פון צוואנציג קעמלען מיט צעהען מענטשין · איך
האב דיא מיט מיינע לייט אויך גיפאסט · אונ האב זייא גינומען
גיפאנגען · דיא קעמלען זיינען גיוועזן בלאדין מיט זייער פיל
עשירות מיט בארעס גאלד · אפאר מיליאן דרכמונים · אונ
אויך דא ביא זייער מייערע ווארען אונטער דיא מענטשין וואש
זיינען גיוועזן מיט דער קאראוואנע האבין זיך גיפונען אכט
קעמעל טרייבער אונ צוויא יונגע לייט איינער וואר איין קויף
מאן פון מעזאפאטאמיען אונ דער אנדערער וואר מתתיה דער
זון פון חלקיהו דיין חתן · איך האב אים גוט דאפראסעוועט אונ
ער האט מיר דער ציילט ווער ער איז אונ וואו הין ער פארט ·
אויך האב איך ביא אים אויש גיפרעגט אלע זיינע היימליכע
ענינים · אונ וויא עש האט זיך פאסירט מיט אים אונ מיט
דיין פאטער אונ עש איז ניט גיוועזן איין זאך וואש ער האט מיר
ניט דער ציילט · איך האב אים גיהאלטין ביא זיך אפאר
טאג אונ דער נאך האב איך אים פאר קויפט פאר איין שקלאפע
מיט דיא איבעריגע ניין מענטשין נאך קליין אייטע · אונ אויך
דעם דריטן טאג האב איך צו זאמען גיקליבן אלע מיינע לייט
אונ האב צו זייא אזוי גיזאגט · (שמעוני אחי זבני עמי)
הערט מיר צו מיינע ברידער איך בין ביז אהער גיוועזן אייער
הויבט מאן איך האב איך ערליך גיפירט אונ גישיצט · ביז
וואנען מיר זיינען גיקומען אין לבנון האבין מיר נאך גיהאט
איינע פאלשע עהרע אים הערצין · איצונד אבער זיינען מיר
נאסטאיאסצע רויבער · דער נאמען רויבער אליין איז גינוג פאר
אונז אז מיר זאלן דיזען ביטערן גישעפט אוועק ווארפין · דען
מיר

מיר זיינען אלע קינדער פון מיוחסי יהודה וירושלים. און איך
זיפֿן אז איצט איז דיא בעסטע צייט דאס צו טאן. דען מיר
האבין איצונד איין גרויסין קאפיטאל. יעדער פון אונז קען פון
דיאגען ציהען מיט אנרוישין פאר מעגין. ער קען זיך קויפין
גיטער אדער איין קויף מאן ווערין. אונ לעבין אלס וויא איין
אליבער מאן אונ גאנץ ממש נאך דען געזעצין דאס לאנד
אונ דאס ריכט אויך זאלט איר ווישין אז מיר וועלין זיך שוין
ניט קענען אלאנגע צייט דא אויף האלטין. דען אונזער
הייבט מאן איז שוין לאנג גיפאנגען גיווארין אונ מען האט
אים ארונטער גינומען דיא קאפ. פאלגט מיר אונ איר ווערט
מיר דאנקען. (ויטבו דברי בעיניהם) אונ מיינע ווערטער איז
זייא העכסט גיפעלין. מיר האבין זיך מיט אונזער געלט גיטיילט
ברידערליך. ווערין איז אויש גיקומען צו צעהען טויזנט
דרכמונים לבד זאכין אונ צירונג. מיר אלס הויבט מאן האבין זייא
אוועק גיגעבין איין גאנצין מיליאן דרכמונים מיט פינף קעסלען
מיט גיפעק. יעדער פון זייא האט זיך אנדערש פאר קלייד
אונ האבין זיך אפ גישיידט איינער פון דעם אנדערין זייער
פריינדליך. דרייא פון זייא האב איך אפ גישטעלט בייא מיר
אויף אקליינע צייט דען זייא זיינען גיוועזן מיינע בעסטע
פריינד. אונ וויא האב איך ענדעקט מיין פלאן אז איך וויל
זיך אנאמען געבין מתתיה אונ צו בקומען דיר ומורה פאר
א ווייב. איך האב מיר זייער שיין אן גיקליידט. אונ זייא
האבין זיך פאר שטעלט פאר קעמעל טרייבער אונ אזו בין איך
אן גיקומען אין דיין פאטערש הויף אונ בין גיווארין דיין מאן.
שפעטער האב איך בקומען אבריף פון איינעם פון דיזע לייט
וואש זיינען דא מיט מיר אן גיקומען אלע קעמיל טרייבער.
אין וועלכין ער האט מיר דער ציילט וואש עש האט זיך אויש

גילאזין



גילאזין מיט מיין שטיף מוטער. ער האט מיר גישריבין אזוי
דאז מיין פאטער איז גיווארין גיוואר אז איך בין צו גישטאנען
צו דעם רויבער אתרוגנס איז ער גיווארין זייער בטריבט.
ער האט ניט גיקענט אויש האלטין דיא שאנד אונ ווידער
האט ער מורא גיהאט אז ער ווערט זיין זייער ארויס גיפאלין
אין דיא אויגין פון הורדוס. ער ווערט אים חושד זיין אז איך
בין צו גישטאנען מיט זיין ידיעה. אונ דאן איז ער פאר פאלין
מיט זיין גאנצין פאר מעגין אונ אויך ניט זיכער מיט זיין לעבין.
אונ דאהער האט ער אן גיהייבין זיין ווייב זייער צוא גריזען
אונ האט איר פאר גיווארפין אז דאס האט זיא אליין אן
גימאכט. אונ באם אז הורדוס ווערט אים רופין ווערט ער דער
ציילין דיא וואהרהייט. דיזע ווערטער האט זייער גיקרענקט
מיין שטיף מוטער אונ האט אן גיהייבין צו האסען מיין פאטער
בייא זיך אין הארצין. ובפרט נאך וויא אנדערע זאגין אז זיא
האט אים גאר קיין מאל ניט גיליבט אונ זיא האט מיט אים חתונה
גיהאט נאר פון זיין געלט וועגין. אונ דאך פלעגט זיא זיך
אים ווייזין זייער פריינדליך אונ פלעגט אים אליין אפ שלאגין.
ביז איין מאל פון אווינד אז זיא איז מיט אים גיזעסין אונ
גיטרונקען דעם זיסין וויין איז אים פלוצלונג ניט גוט גיווארין
אונ ער האט אן גיהייבין צו שרייען מיט קולות גוואלד איך
בין פאר בייא! ראטעוועט מיך. עש איז גיווארין אגרוישער
לארעם. עש זיינען אן גילאפין זייער פיל מענטשין. מען האט
אנגעהענדעט אלער האנט מיטלען. אבער עש האט שוין ניט
אים גיהאלפין זייער ווייט. ער האט נאך גיצויגן א פאר מאג
אונ האט אליין גישריען מיט קולות אז דיא ווייב האט עש אים
גיטאן. דען זיא איז גיוועזן דער מלאך המות אויך פון דער

דלית ערשטע

ערשטע ווייב · מען האט מיין שטיף מוטער באלד גינומען
מען האט איר זייער שטארק עקזאמענירט · עש האבן זיך
אריין גימישט זייער פיל פריינד פון מיין מוטער · הורדוס אליין
האט דיא זאך אונטער גיזוכט · אונ מען האט דער נאנגע
דיא זאך אויף קלאר אז זיא ווער שולדיג דעם טויט פוןביידען
פון מיין פאטר מיט דער מוטר · דרייא טעג האט מען איר
גיהאלטין איין גישפארט אין אשטיינ וויא אייגע ווילדע חיה
אויף דעם (שוק העליון) דאש הייסט אויף דעם הויכין מארק ·
דאמיט דיא וועלט זאל זיך דראפ נעמען א מוסר · אונ דער
נאך האט גיהייסין הורדוס אז מען זאל איר אויש טאן נאקעט
אונ אנידער שטעלין איר אויף דעם פלאץ וואש ער האט
גימאכט עש זאלין זיך דארטין ראנגלען מענטשין מיט לייבין
אונ בערין · דרייא לעמפערטין אונ צווייא וועלף האבין איר
אויף גיגעסין מיט גרויש אפעטיט · אונ דיא ביינדיל וואש זיא
איז גיבליבן דיא ירושטע פון דעם גאנצין פאר מעגין האט מען
איר אפ גינעבין צו מיין פאטערש אברודער · אונ איצונד האב
איך גיהערט דאש זיא איז גישטארבין · פרעג עש נאך מיינע
ליבע זמירה פילייכט ווערשטו אויס בעטין ביידא דעם קיניג אז
מען זאל אונזער קתר אפ נעבין דיא ירושה · דיזען בריף פון
מיין פריינט האב איך מקבל גיוועזין דרייא וואכין נאך דער
התונה אונ אז איך האב אים איבער גילייענט בין איך גיווארין
וויא אין צו מישטער · אוויילע האב איך מיך גיפרייט איבער
דיא מפלה פון מיין מערדערישע שטיף מוטער · אונ אוויילע
האב איך מיך זייער בטריבט איבער דעם טויט פון מיין
פאטער · אונ דער נאך אז איך האב ביא זיך בטראכט וויא
נאט האט איר דא בצאלט מדה כנגד מדה · דען איין אשה





דעה ווערט אן גירופן איין חיה רעה וויא אונזער פאטער
יעקב האט אן גירופן דעם פוטיפערס ווייב · (באמרו טרוף
טורף יוסף חיה רעה אכלתהו) דאש הייסט אז ער האט גיזאגט
איין זון יוסף איז צו ריסן גיווארין · איין בייזע חיה האט
אים אויף גיפרעסין האט ער גימיינט בנבואה נאה איר · ווייל
יוסף איז גיווארין נאר דורך איר אום גליקליך · אונ אזו בין
איך דאך אויך גיווארין אום גליקליך דורך מיינע מערדערישע
שטיף מוטער וואש זיא איז אויך גליך צו איינער חיה רעה
אונ דריבער האבין איר אויך צו ריסין חיות רעות · וויא איך
האב עש אזוי ביא ביד בטראכט איז אויף מיר גיפאלין
אגרויסער פחד אלהים · (באמרי ומה אעשה כי יפקוד גם עלי
ה') ווייל איך האב ביא זיך גיקלערט אונ וואש ועט זיין
פון מיר אז דער בורא ברוך הוא וועט איך דער מאנען אויף
אן מיך · (כי לא ישא אלהים נפש) דען דער אייבערשטער
שוינט קיינעם ניט · אונ איך האב דאך גיטאן אין דער וועלט
פיל מאל ערגער איידער מיין שטיף מוטער · דיזער פרויערינר
גידאנקען האט אין מיר אויף גיוועקט איינע גרוישע חרטה
אויף אלע מיינע מעשים רעים · איך האב זיך דער מאנט אן
אלע מיינע רציחות אונ גזלות וואש איך האב גיטאן אונ האב
שוין אויף גיהערט צו זיין פריילך · אז איך פלעג אקוק טאן
אויף מיינע עשירות וואש איך האב צו דיר גיבראכט פלעגט
מיר איין פאלין דיא דמים ווייל איך ווייש דאך אז איך האב
זייא בקומען נאר מיט רציחה · אונ אז איך פלעג דער זעהען
דיך דוא מיינע גיליבטע זמירה פלעג איך ווערין אויסן זיגען
דער מאננעזיכדיק דורך וואש פאר איין אום דעכט דוא בישט
גיווארין מיין ווייב · אונ דאהער פלעג איך אלין זיין אזוי
טרויעריג

פרויערינ אונ בגארטנס · דאהער האב איך אימער גיוויינט אונ
גיקרעכצעט · דאהער האב איך אימער צדקה געגעבן אונ
האב שטענדיג רחמנות גיהאט אויף דיא קראנקע · אונ דאהער
בין איך גיוועזן זייער רוהיג אז דער אוצר האט מיך ניט גישטימט
אין קיינעם · דען איך האב בייא זיך גיוואוסט אז איך בין
דאס ווערט · (אמרתי הבעל חוב מצא לגבות את חובו) דאס
הייסט איך האב בייא זיך גיטראכט גאנץ רעכט זאל שוין דער
בורא פון מיר אויף מאנען זיינע חובות · אונ דאהער וועל
איך זיין אויך רוהיג אז מען וועט מיך דן זיין (כי ה׳ הצדיק
ואנכי הרשע) · דאס איז גירעכט אונ איך בין דער רשע ·
(ועתה אחרי הגידי לך את כל אלה) אונ איצונד מיין ווייב
וויא איך האב דיר שוין אלץ אויס גיזאגט אונ דוא ווייסט שוין
אויך קלאר דאס איך בין איין גרויסער באנדיט איז שוין פון
דיר דער יושר אז דוא זאלסט שוין ניט קענען מיר אן קוקן ·
דוא זאלסט פון מיר ווייכן וויא מען ווייכט פון אמגפה דוא
דארפסט שילטן דעם טאג וואס דוא ביסט אין אים גיווארין
מיין ווייב · ציהע אין פרייהן אהיים אונ בהוהיגע דיין אלטין
פאטער דעם צדקיהו אונ מיך לאז שוין רוהיג אום קומען
דורך דיא הענט פון דיא שופטים · פאר מיר איז שוין מער
קיינע האפנונג דא · הורדוס אליין קען מיך אויך ניט
באפרייען · דען איך בין איין רויבער · (ותען זמירה ותאמר)
אבער זמירה האט אים גיענטפערט אונ גיזאגט · ניין מיין
ליבער מאן איך בין קיין שופט איבער דיר נאר איינע ליבענדע
פרויא וואס האט דיך גיליבט פון דעם ערשטין אויגין בליק
אן וואס איך האב דיך דער זעהען אונ וועל דיך ליבן כל זמן
איך וועל לעבין · אונ וואו ליבע איז דארפין גילט ניט קיין

רעכט



רעכט · דען (על כל פשעים תכסה אהבה) איז דער טייטש
דיא ליבע פאר דעקט אלע זינד אין דער וועלט · יעקב אבינו
האט גיליבט זיינע זין וואס זייא האבן פאר קויפט זיין גיליבטן
זון יוסף · אונ האט זייא נאך דער צו גיבענטשט פאר זיין
טויט ; דוד המלך האט בוויינט זיין זון אבשלום וואס ער
איז גיוועזן א מערדער פון זיין ברודער אמנון אונ האט גישריען
(בני אבשלום · אבשלום בני) · אז ער איז בהרג גיווארין אונ
איך וואס איך בין איינע שוואכע ווייב פעהזאן פאר לאנגסט
אז איך זאל אן דיך לייקענען וואס דוא ביסט מיין גיליבטער
מאן אונ דער פאטער פון מיין איינציגע קינד · ניין מיין מאן
איך וועל גיין צו הורדוסין בעטין אז ער זאל מיר ערלויבין
בייא דיר צו זיצין ביז האבען עס ווערט צו פאלין דיין העקרעט ·
אונ וועל בייא אים בעטין אז מען זאל אפ געבין דיא ירושה
פון דיין פאטער צו אונזער קינד · אונ אזו האט זיא מאקע
גיטאן · אונ האט גיפוועלט בייא הורדוסין ביידע זאכין זיא
האט אפ גינומען איין גרוישין פאר קעגין · אונ איז גיזעסין
דרייא חדשים בייא איר מאן אין גיפיינקעניש · זיא האט אים
דארפין צו גיזעהען אונ פלעגט צו גיסין טרערין פון אירע אויגן
אין זיינע אויגן · אויך האט זיא גיפועלט אז מען זאל אים
ארונטער נעמען זיינע שווערע קייטין · אונ זיא וואר אים איין
טרייסט אונ איינע פריידע ביז דיא לעצטע דרייא טעג פאר
זיין העקרעט · אונ דאן האט זיא זיך שוין פון אים גימוזט
שיידין : דען דרייא טעג פאר דעם העקרעט פלעגט צו קומען
צו דעם גיפאנגענעם איין (איש קדוש להורות לו דרכי התשובה)
דאס הייסט צו לערנען אים דיא וועגין פון תשובה אונ אויך
אים מנחם צו זיין אז ער וועט נאך דעם · וויא ער וועט אויף

זיך

זיך מקבל זיין דעם דין אויך האבין איין חלק לעולם הבא ·
אונ דער ביא האט קיין ריכטער מענטש גידארפט זיין · ווער
קען בשרייבין דעם וויינען אונ קלאגין פון דיא ומירה אז זיא
האט זיך פון אים גידארפט שיידין · דיא ווענט פון דער
תפיסה האבין מיט איר מיט גיוויינט · בייא דיא וואכין וואש
זיינען דארטין גישטאנען איז ארויש גיפאלין דיא גיווער פון
דיא הענט פון גרויש יאמער אונ טרויער : אונ איר שיידין
זיך פון אים איז גיוועזן אזו שווער וויא עש דארף זיך
שיידין דיא נשמה פון גוף · זייא האבין אזו לאנג איינער
אויף דעם אנדערין גיוויינט ביז דיא ומירה איז גיבליבין
אין חלשות אונ דאן האבין איר איר קנעכט ארויש גיטראגין
פון גיפיינקנעש אונ האבין איר ארויף גיזעצט אויף דעם
קעמיל אונ זיינען מיט איר אוועק פון שטאט ירושלים
אונ ערשט אין איין טאג ארום איז זיא גיקומען צום שכל
אונ האט אן גיהייבין איבער ניים צוא טרויערין אונ צוא
קלאגין : ביז זיא איז גיקומען אהיים אונ דארטין האט זיא
זיך דער וואוסט נאך אנרוישע צרה דען זיא האט
גיפונען איר אלטין פאטער אחיאב טויט : ער האט ניט
גיקענט אויש האלטין דיא שאנדע אונ דעם אום גליק פון
זיין טאכטער ומירה אונ איז זיך פלוצלונג אוועק גישטארבין
אונ מען האט אים מקבר גיוועזן לעבין זיין וויב צפורה ·
אבער דער גאט וואש לאזט וואקסין דיא שענסטע רויזין
אויף איין שלאכט פעלד · דאש הייסט איין פעלד וואש
עש איז דארטין גיוועזן א מלחמה · וואש איר ערד איז
גיווארין פעט פון מענטשין בלוט · דער זעלביגער גאט
לאזט גישעהען אויך אפט איין מוישין גליק פאר איין

יחיד



יחיד פון איין צרה וואש זיא איז איין צרות רבים וויא
דער מדרש זאגט אין פרשה נח (אין לך צרה באה
לעולם שאין לאחרים בה ריוח) דאש הייסט עש איז אין
דער וועלט קיין אום גליק דא וואש עש זאל ניט ארויש
קומען דעם אנדערין איין גליק הער פון · אונ אזו איז דא
איצונד אויך גישעהען · דען אויף מארגין וויא דיא ומירה
איז אוועק פון ירושלים אונ בועז איז גיבליבין זיצין אין
זיין גיפיינגנעש ווייטער טרויעריג אונ האט נאר גיווארט אויף
זיין דעקרעט איז גיווארין איינע שרעקליכע ערד ציטערנעש ·
עש זיינען איין גיפאלין אין ירושלים כמה אלפים הייזער אונ
טורעמש · עש זיינען נהרג גיווארין אין גאנץ ארץ יהודה
קרוב פון צווייא מאל הונדערט טויזנט מענטשין · דיזע
ערד ציטערנעש שטייט פאר שריבין אין דעם יוסיפון אונ אין
נאך ווייטער פילע דברי הימים · הורדוס איז דער פון שיר
אוישין זינען גיווארין · גאנץ יהודה וואר צו שראקין · צעהען
טעג האט איינער ניט גיוואוסט פון דעם אנדערין · מען
האט ניט גיקענט דער קענען דיא גאסין אונ דיא וועגין ·
דואו עש איז גיוועזן אטאל איז גיווארין אבארג וואו עש איז
גיוועזן אבארג איז גיווארין אטאל · עש איז מער ניט גיבליבין
אין גאנצין דער הר הבית מיט דעם בית המקדש אונ ווייטער
האט זיך אלץ אום גיענדערט · אונ דאהער איז שון יעדערין
לייכט צו פאר שטיין אז עש איז איין גיפאלין אויך דיא
גיפיינקנעש אין וועלכין עש איז גיזעסין אונטער בועז · דיא
וואכין זיינען אלע גיווארין דער שלאגין דען עש איז אויף
זייא ארויף גיפאלין אמויער נאר דיא שטוב אין וועלכער ער
איז גיזעסין איז גיבליבן שטיין אין גאנצין דאש הייסט עש

האבין

האבין זיך דיא ווענט מער ניט וויא צו ריסין אבער ניט איין גיפאלין · (ויהי בראות בועז) אונ עש וואר וויא בועז האט גיזעהען אז דיא וואבין זיינען דער שלאגין גיווארין אונ זיין גיפיינקענעש איז אפין איז ער אנטלאפין גיווארין · ער איז אנאנצע נאכט גילאפין אונ קיינער האט אים ניט גיאנט ; דיא ערד האט אונטער זיינע פים גיציטערט אונ ער איז גיגאנגין ; אונ איז ארויף אויף דעם וועג וואש מען פארט קיין סוריא אונ וואו ער איז נאר גיקומען איז גיווען נאר קלאג אונ גיוויין ; דען אומעטום זיינען איין גיפאלין זייער פיל בריונים אונ זיינען נהרג גיווארין זייער פיל מענטשין ; אונ אין אטאג פינף איז ער גיקומען צוא דעם לבנון אין דעם שלאם וואו עש וואוינט זיין ווייב זמירה אונ דארטין איז גיווען גאנץ רוהיג · ער איז אהין געקומען ביי דער נאכט אן גיטאן ווידער וויא איין נזיר דאמיט קיינער זאל אים דער ווילע ניט דער קענען ; ער האט זיך צו איר גילאזט אן מעלדען אונ זיא האט אים גיהייסין אריין לאזין צו זיך דען דער נאמען נזיר איז איר גיווען שוין זייער ליב · אונ וויא ער איז צוא איר אריין גינאנגען האט זיא אים באלד דער קאנט אז ער איז איר מאן אבער זיא האט ניט גיגלויבט אירע אייגינע אויגין · זיא האט גימיינט אז זיא זעהט עס אים נאר אין חלום · וואס קוקסט דוא אפעס מיך אן אזו צו שראקין זאגט צו איר בועז איך בין דיין מאן וואס דו בעוויינסט אים שוין עטליכע טעג · גאט אליין האט מיך בעפרייט קום גישווינד לאמיר פון דאנען אנטלויפין אונ לאמיר ציהען איבער דעם לבנון קיין צור אונ פון דארטען וועלין מיר מיט איין שיף פאר רייזין אין קליין אזיען · דוא מיין בועז מיין מאן דוא ביסט דא זאגט צו אים זמירה ווידער צייל מיר וויא אזו האבין דיך

מלאכים



מלאכים גיבראכט זאג · איך דער האלט ניט פון פריידען · א ! עס איז גיווארין טאג אין מיין פינסטערים הארץ · א ! איך בין גליקליך · דיא וועלט איז ווידער מיינע · איך בין שוין צו פרידען מיט מיין מערכה · דער צייל מיר נאר מיין מאן וויא איז דאס מיט דיר צו גיגאנגין : (ויספר לה בועז) אונ בועז האט איר דער ציילט דיא גאנצע זאך פון אנפאנג ביז צום אויס לאז · אונ דאן איז זיא ארויף גיפאלין אויף אים אויף דעם האלדז אונ האט גיוויינט פאר פריידע · דאך האט אין גאנצין שלאם קיינער דער פון גיוואוסט מער ניט וויא אביגדור : (בלילה ההוא) אין דער זעלביגע נאכט האבין זייא איין גיפאקט גאר זייער פאר מעגין אויף צעהן קעמלען גאלד אונ זילבער אונ טייערע קליידר · עס האבין זייא דער ביי גיהאלפין אפאר טרייע קנעכט · אונ דיא גיטער האבין זייא פאר קויפט דעם אביגדור · אונ האבן אין קורצין פאר רייזט נאך קליין אזיען אונ זיינען אן גיקומען גליקליך אין דער שטאט (סינאפע) אונ דארטין האבין זייא ביידע גילעבט זייער רוהיג אונ גליקליך · דער בועז איז גיווארין זייער פרום · ער איז גיווארין אגרויסער ירא שמים ער האט גיטאן גרויסע צדקות · אונ איבער הויפט פלעגט ער זעהן אויס צו לייזין דיא מענטשין וואס זיינען גווארין פר קויפט פר קנעכט אונ פלעגט זייא אפ שיקן אהיים צו זייערע עלטערין אונ ווייבער בשלום · ער פלעגט צוא ברייננען פיל טעג אין פאסטין אונ וויינען (עד אשר הקרה ה' לפניו) ביז דער אויבערשטער האט אים צו גישיקט אויס צו לייזין דעם (מתתיה) מיט זיינע מענטשין · ער איז אים צו זיינע פים גיפאלין אונ האט אים גיבעטין אונ האט פאר אים גיוויינט אז ער זאל אים מוחל זיין : ער האט אים אום גיקערט דעם גרעסטין טייל פון זיין פאר מעגין אונ האט אים חתונה גימאכט מיט זיין טאכטער אשועסתר

חזאם